STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10500

SONETN

William Shakespeare

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויליאַם שעקספּיר

סאָנעטן

◇

ייִדיש:

ב. לאַפּין

WILLIAM SHAKESPEARE

SONNETS

Translated By

B. LAPIN

BLOCH PUBLISHING CO.

New York

1953

ווילִיאַם שעקספּיר

סאָנעטן

ייִדיש

ב. לאַפּין

הויפּט־פאַרקויף:
בלאָך־פּאַבלישינג קאָמפּאַני
ניו־יאָרק
1953

Copyright 1953, by

F. LAPIN

Bronx, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York 3, N. Y.

הקדמה

אַכט יאָר האָט מיין טאַטע, בערל לאַפּין ע"ה, געאַרבעט אויף זיין איבערזעצונג פון שעקספּירס סאָנעטן. ביז דעם טאָג פון זיין פּטירה, דעם 23טן נאָוועמבער 1952, איז זיין נשמה געווען פול מיט אָט דער אַרבעט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פאַרטיקן מאַנוסקריפּט — בלויז די הקדמה האָט ער נאָך געדאַרפט אָנשרייבן. די דאָזיקע עבודה איז איצטער אויף מיר געפאַלן.

עס איז שווער איבערצונעמען דעם טאַטנס אַרבעט; שווערער נאָך צו טראַכטן אַז ער האָט נישט דערלעבט זי אַליין צו פאַרענדיקן. בלויז ער אַליין וואָלט געקענט איבערגעבן זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו שעקספּירס סאָנעטן. בלויז ער וואָלט געקענט מיטפירן דעם לייענער אויף דעם וועג פון זיין שעפערישער אַרבעט. נאָר געוויסע פאַקטן און געדאַנקען, ווייס איך, האָט דער טאַטע געוואָלט אין זיין הקדמה אַרויסברענגען. אָט די פאַקטן און געדאַנקען וויל איך דאָ אָנרירן.

* * *

וועגן שעקספּירס סאָנעטן זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן הונדערטער ווערק. נאָר גענויע אינפאָרמאַציע וועגן זיי האָבן מיר נאָך אַלץ זייער ווייניק. מיר ווייסן נישט פאַר וועמען ער האָט זיי געשריבן און אין וועלכער אָרדענונג. מיר ווייסן אויך נישט אויף זיכער ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

אויף זיכער ווייסן מיר אַז אין 1609 זיינען די סאָנעטן צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ נישט צו אָנגעזעענעם לאָנדאָנער פאַרלעגער מיטן נאָמען טאָמאַס טאָרפּ. אָבער לכל־הפּחות אַ טייל פון זיי זיינען שוין געווען פּריוואַט פאַרשפּרייט צווישן שעקספּירס פריינד נאָך מיט עלף יאָר פריער.

מסתמא האָט שעקספּיר אָנגעשריבן די סאָנעטן אין די יאָרן פון 1592 ביז 1596, ווען ער איז געווען צווישן 28 און 32 יאָר אַלט. לויט זייער שפּראַך און זייער אינהאַלט זיינען זיי פּראָדוקטן פון שעקספּירס יונגע יאָרן און עס איז אויך באַקאַנט אַז צווישן 1591 און 1596 איז אין ענגלאַנד געווען זייער אין דער מאָדע צו שרייבן סאָנעטן. אפשר איז שעקספּיר פּשוט נאָכגעגאַנגען דעם שטראָם, כאָטש זיינע סאָנעטן זיינען כמעט די איינציקע פון יענער צייט וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ביי דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע פון יענער צייט איז געווען ספּעציעל אָנגענומען צו שרייבן סאָנעטן־בריוו צו פריינד. שעקספּירס סאָנעטן זיינען מסתמא אויך פון דעם מין, כאָטש ער, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער און אַקטיאָר האָט זיכער צו דער אַריסטאָקראַטיע נישט געהערט.

די סאָנעטן זיינען כמעט ווי זיכער נישט געשריבן געוואָרן אין דער אָרדענונג אין וועלכער זיי זיינען געדרוקט. פונדעסטוועגן קאָן מען זיי צעטיילען אין דריי אַלגעמיינע גרופּירונגען. די סאָנעטן פון 1 ביז 126 זיינען געווענדט צו שעקספּירס יונגן חבר, און די סאָנעטן 127 ביז 152 צו דער אַזוי־גערופענער „טונקעלער דאַמע״. די לעצטע צוויי סאָנעטן זיינען פרייע איבערזעצונגען פון אַ פּאָעמע וואָס אַ ביזאַנטישער דיכטער אין 5טן יאָר־הונדערט האָט אָנגעשריבן אין גריכיש.

דער טאַטע פלעגט באַטאָנען ווי שווער עס איז פאַר דעם מאָדערנעם לייענער צו באַנעמען שעקספּירס באַציאונג צו זיין יונגן פריינד, כדי דאָס צו קאָנען פאַרשטיין מוז מען זיך באַקענען מיט די רענעסאַנס באַגריפן פון פריינדשאַפט וואָס האָבן געהערשט אין שעקספּירס ענגלאַנד. די ווערטער „ליבע״ און „געליבטער״ האָבן אין יענער צייט זייער אָפט געמיינט גאַנץ פשוט „פריינדשאַפט״ און „פריינד״.

בכלל איז די ליבע (ד״ה די פריינדשאַפט) צווישן צוויי מענער פאַררעכנט געוואָרן ווי פיל שענער און טיפער ווי די ליבע צווישן אַ מאַן און אַ פרוי. די אמתע, די אידעאַלע ליבע קאָן זיין נאָר צווישן מענער, העטעראָסעקסועלע ליבע איז, לכל הפחות אין די פאָרמעלע ליטעראַרישע באַגריפן פון דער צייט, געשטאַנען אויף אַ סך אַ נידעריקערער מדרגה.

דעריבער דאַרפן מיר זיך נישט וואונדערן אויף דעם טאָן פון שעקספּירס סאָנעטן צו זיין יונגן חבר. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער אופן פון שרייבן פאַר אַ רענעסאַנס דיכטער.

מערקווירדיק, אָבער, זיינען די סאָנעטן וואָס שעקספּיר האָט געשריבן צו דער אומבאַקאַנטער פרוי וואָס איז דורך זיין באַשרייבונג באַרימט געוואָרן ווי די „טונקעלע דאַמע״. דאָ איז שוין שעקספּיר נישט אין הסכם מיט די באַגריפן פון זיין צייט. די אידעאַלע פרוי אין דער גאַנצער רענעסאַנס־ליטעראַטור האָט געהאַט גאָלדענע האָר און בלויע אויגן. איר הויט איז געווען דורכזיכטיק ווייס; און בכלל האָט זי עקזיסטירט מער אין די וואָלקנס ווי אויף דער ערד.

שעקספּירס געליבטע איז אָבער געווען אין גאַנצן אַנדערש. זיין באַשרייבונג פון איר איז אַ רעאַליסטישע, נישט קיין אידעאַליזירטע. אָט גיט ער אונדז אין סאָנעט 130 אַ קלאָר בילד פון איר אויסזען:

גאָר נישט ווי זון מיין ליבסטערס אויגן שיינען,
קאָראַל — מער רויטקייט פון איר ליפּ־רויט האָט,
אויב שניי איז ווייס, ברוין אירע בריסטן זיינען:
אויב האָר קען דראָט זיין, וואַקסט איר לאַק שוואַרץ דראָט...

און אין כאַראַקטער איז זי אויך ניט שענער. זי איז ליגנעריש און בייזווילי‌ק. זי איז שעקספּירן אומגעטריי און פּירט אַפילו אַ ליבע מיט שעקספּירס יונגן פריינד.

נאָר דעם טאַטן איז אַלעמאָל געווען אינטערעסאַנט (און ער פלעגט עס איז געשפּרעכן מיט מיר אָפט באַטאָנען) וואָס יענער יונגערמאַן בלייבט אין די סאָנעטן אין גאַנצן ריין — אַפילו נאָך זיין ליבע מיט שעקספּירס געליבטער:

כ׳האָב ליבעס צוויי, פון טרייסט און יאוש־פּלאָם,
וואָס ווי צוויי גייסטער דאַכט מיר רוימען איין:
ס׳איז מלאך בעסערער העל־שיינער מאַן,
גייסט ערגערער — אַ פרוי אין שוואַרצן שיין.
עס וויל מרשעת מיך זען אין גיהינום באַלד,
רייצט מלאך בעסערן וואָס ביי מיין זייט,
וויל דאַרבן הייליקן אין שד־געשטאַלט,
מיט שאַנד־שטאָלץ הנט זיך צו זיין ריינלעכקייט...

שעקספּירס ליבע פאַר דער „טונקעלער דאַמע" איז אַן ערדישע, אַ סענסועלע, פול מיט ליידן און אומצוטרוי. זיין ליבע צו זיין פריינד איז פול מיט אידעאַליזם און ריינקייט.

דער טאַטע פלעגט די פּונקטן אָפט באַטאָנען ווייל ער האָט געהאַלטן אַז זיי קענען העלפן דעם לייענער בעסער צו פאַרשטיין די סאָנעטן — אים העלפן אַליין צו געפינען אין די סאָנעטן זיין אייגענעם וועג.

דער טאַטע האָט דורכאויס געוואָלט אַז די אויסגאַבע זאָל זיין אַ צוויי שפּראַכיקע — כדי דער לייענער זאָל ביי דער איבערזעצונג גלייך אויך האָבן פאַר זיך דעם אָריגינאַל. ער האָט געוואָלט פאַרטיפן די הנאה פון דעם יידישן לייענער ביים לייענען די סאָנעטן — ער זאָל דערפילן שעקספּירס גרויסקייט איבערגעגאָסן אין אונדזער יידישן לשון.

* * *

ווען דער טאַטע האָט אין 1944 זיך גענומען איבערזעצן די סאָ־נעטן אויף יידיש, האָט ער זיכער אַליין נישט געוואוסט ווי די אַר־בעט וועט אים דורכנעמען, אים איינזאַפּן. ער האָט די סאָנעטן צענד־ליקער מאָל איבערגעשריבן — איז שעהן לאַנג געזעסן איבער אַ וואָרט,

איבער אַ בילד. ער פלעגט מיטטראָגן די איבערזעצונגען מיט זיך אויף שטיקלעך פּאַפּיר וואו נאָר ער איז געגאַנגען — אין פּאַרק, אויף דער סאַבווי, אומעטום.

מענטשן פלעגן נישט קאָנען פאַרשטיין ווי אַזוי אַ דיכטער גיט זיך אָזוי אָפּ מיט איבערזעצונגען. „איר קאָנט דאָך אין דער צייט שרייבן אייגענע לידער", פלעגט מען אים זאָגן. און אַז ס'פלעגט עמעץ אַמאָל אין אַ מינוט פון יאוש אָדער ציניזם אים אַ פרעג טאָן: „ווער דאַרף האָבן שעקספּירס סאָנעטן אויף יידיש?" — פלעגט זיין שטענדיק־אָפּטימיסטישער ענטפער זיין: די יידישע ליטעראַטור דאַרף עס האָבן. ער האָט געהאַט אין זיך דעם טיף־יידישן גלויבן אַז נישט וויפיל נאָר וואָס איז דער עיקר. זאָל די יידישע ליטעראַטור זיין רייך אין אינהאַלט דאַרף זי פאַר אונטערגאַנג נישט מורא האָבן.

נאָר, פונדעסטוועגן, מוז זיך שטעלן די פראַגע וואָס עס האָט אין די סאָנעטן אים אַזוי צוגעצויגן.

דער ערשטער ענטפער איז אַז דער טאַטע האָט שטענדיק ליב געהאַט איבערצוזעצן פון פרעמדע שפּראַכן. נאָך אין 1919 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך איבערזעצונגען פון דער רוסישער פּאָעזיע מיטן נאָמען „רוסישע ליריק". און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אי־בערגעזעצט אַ גרויסע צאָל לידער פון דער ענגלישער און אַמערי־קאַנער ליטעראַטור.

ער האָט געפילט אַז איבערזעצן העלפט אים אין זיינע אייגענע לידער, אַז דאָס העלפט אים צו צאַמען זיך און צו געפינען נייע אופנים פון אויסדרוק. בכלל האָט דער טאַטע זיין גאַנצן לעבן געשטרעבט צו צמצום. סיי אין זיין דיכטונג און סיי אין זיין פערזענלעכן לעבן האָט ער שטענדיק געזוכט זיך צו צאַמען, זיך צו מאַכן שווערער דעם וועג. ער האָט געהאַלטן אַז דער דיכטער ווי דער מענטש מוז שטייגן מיטן עול אויף די פלייצעס וואָס ער האָט אַליין אויף זיך אַרויפגעלייגט. בלויז דאַ־מאָלסט איז דאָס שטייגן עפּעס ווערט.

בעת ער האָט זיך אונטערגענומען איבערצוזעצן שעקספּירס סאָ־נעטן האָט ער טאַקע אויף זיך אָנגעלאָדן זייער אַ שווערע משא. יעדע איבערזעצערישע אַרבעט פאָדערט אָן אַ שיעור דיסציפּליןביים אי־בערזעצער; אַפילו ווען ער קלייבט אויס צום איבערזעצן אַ ליד אָדער עטלעכע לידער וואָס האָבן אים באַזונדערס פאַרכאַפּט. הייַנט וויפיל מער דיסציפּלין עס פאָדערט זיך איבערצוזעצן 154 לידער פון פאַר־שידענעם דיכטערישן ווערט, געשריבן אין זייער אַ שווערער פאָ־עטישער פאָרם. נאָר דער טאַטע האָט זיך מיט דעם יאָך געפרייט. עס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט אויסצונוצן אַלע זיינע דיכטערישע

פּיאַיקייטן, דורכצולעבן אַלע זײַנע דיכטערישע וואָרט־ראַנגלענישן, צו דערגרייכן נײַע פּאָעטישע הייכן.

דעם טאַטן האָט שטאַרק צוגעצויגן שעקספּירס באַציאונג צום וואָרט. שעקספּירס ליבשאַפט צום וואָרט, זײַן פּיאַיקייט אויסצונוצן יעדעס וואָרט באַזונדער, צו געפינען תמיד פאַר אים נײַע ניואַנסן — דאָס אַלץ האָט אים גוואַלדיק פאַרכאַפּט. אין זײַן אייגענער דיכטונג איז דאָס געווען איינע פון זײַנע הויפּט צילען — אַרײַנוועבן נײַע שאַטירונגען אין יעדן וואָרט און אויסדרוק: אַזוי צו נוצן דאָס וואָרט אַז עס זאָל זײַן פאַר זיך אַליין אַ בילד.

אָבער בײַ דעם טאַטן איז דאָס וואָרט נישט געווען קיין שפּילצייג — ער האָט זיך מיט אים נישט גלאַט געקינצלט. בײַ אים איז דער אינהאַלט געווען דער עיקר — נאָר מיט נײַע ניואַנסן פון וואָרט קאָן מען דאָך מאָלן נײַע בילדער, אויסדריקן נײַע געדאַנקען.

אָט די איינהייט פון וואָרט און בילד, פון וואָרט און געדאַנק האָט ער געפונען אין אַ גרויסער מאָס בײַ שעקספּירן. וואָס בעסער דער סאָנעט, אַלץ מער זײַנען וואָרט און אינהאַלט געקניפּט און געבונדן. אַפילו בײַ שעקספּירן, האָט דער טאַטע באַמערקט, ווערט דאָס ליד אָפּגעשוואַכט און אויסגעליידיקט ווען דער וואָרטשפּיל ווערט דער עיקר.

נאָר איבערהויפּט האָט דעם טאַטן געצויגן צו דעם דערהויבענעם געפיל פון מענטשלעכקייט אין די סאָנעטן — שעקספּירס טיפע ליבשאַפט נישט נאָר צו זײַן פרײַנד אָדער צו דער „טונקעלער דאַמע", נאָר צו דעם מענטשן בכלל. שעקספּירס גאַנצע טענה צו זײַן חבר איז וואָס ער איז צו קאַלט און צו פאַרטאָן אין זיך:

...פאַרוואָס, אַ קמצן שיינער, נוצסט נישט אויס
די גאָב וואָס דיר געשענקט געשענקט צו זײַן?
אומזיסטער וואָכערניק, אַ סומע גרויס
ברענגסט אויס, נאָר לעבן קאָנסט נישט ס'לעבן דײַן.
ס'ווערט זיסער איך געגאַרט פון זיך אַליין,
ווייל שטענדיק נאָר פאַרטאָן געווען מיט זיך...

מענטשלעכקייט און פרײַנדשאַפט זײַנען דאָמינירנדיקע טענער וואָס דרינגען דורך דעם גאַנצן בוך סאָנעטן.

דער טאַטע האָט דערי בער געפילט אַ טיפע נאָענטקייט צו די סאָנעטן. ער האָט געפילט אַז זיי דריקן אויס אַ לעבענס־פילאָזאָפיע וואָס איז אים טײַער. ער האָט זײַן גאַנצן דיכטערישן איך געקאָנט אַרײַנטאָן אין דער איבערזעצונג און פילן אין דער זעלבער צײַט אַז ער שאַפט אַליין.

זיין צוגאַנג צו זיין איבערזעצערישער אַרבעט איז געווען אַ פּאַ־עטישער און נישט קיין וויסנשאַפטלעכער. ער האָט געפֿילט אַז אַ סך פֿון די פּשטלעך וואָס מען האָט אין די לעצטע פּאָר הונדערט יאָר וועגן די סאָנעטן אָנגעשריבן שטערן דעם לייענער מער ווי זיי העלפֿן אים. ער האָט געלייענט זייער אַ סך וועגן די סאָנעטן. ער האָט אויך דורכגעלייענט איבערזעצונגען אויף רוסיש, דייטש און יידיש. באַר אין סך הכל האָט ער זיך מיט די אַלע ווערק זייער ווייניק באַנוצט. ער האָט געהאַלטן אַז זיין אויפֿגאַבע איז געווען צו איבערזעצן — נישט צו פּאַרטייטשן — די סאָנעטן.

ער האָט נישט מינימיזירט די שוועריקייטן אין זיין אַרבעט, שוועריקייטן וואָס שטאַמען פֿון באַגריפֿן וואָס זיינען אונדז היינט פֿרעמד, פֿון די שטענדיקע ענדערונגען אין אַ לעבעדיקער שפּראַך, פֿון געשעענישן וואָס מיר האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן און פֿון שעקספּירס אייגענער ניט־אָפּגעהיטקייט. ווען די קריטיק, האָט דער טאַטע גע־האַלטן, גיט זיך אָפּ מיט באַלייכטן אָט די אומקלאָרקייטן איז איר אויפֿטו זייער אַ גרויסער. ווען אָבער זי גיט זיך אָפּ מיט זוכן אין דער פֿינצטער טייטשן פֿון נישט־וויכטיקע ווערטער אָדער אויסדרוקן; ווען זי שטרעבט צו האָבן אַזאַ קלאָר בילד פֿון יעדן וואָרט באַזונדער אַז דאָס ליד אַליין ווערט אין גאַנצן פֿאַרנעפּלט — דאַרף זיך דער לייענער, און הונדערט מאָל מער דער איבערזעצער, היטן ניט צו ווערן פֿון איר אין גאַנצן צעטומלט.

דעריבער האָט זיך דער טאַטע באַנוצט מיט וויסנשאַפֿטלעכע דער־קלערונגען און אויסטייטשונגען אַזוי ווייניק ווי מעגלעך. בלויז ווען ער האָט געוואָלט זיין זיכער מיט אַ גרונט־געדאַנק צי מיט אַ גרונט־טייטש האָט ער געזוכט און געגישטערט ביז ער האָט זיין ענטפֿער באַקומען.

ער האָט זיך באַציגן צו די סאָנעטן ווי צו לעבעדיקע, היינטיקע לידער, און זיי איבערגעזעצט ווי ס׳וואָלט אַרום זיי נישט אויסגעוואַקסן קיין ריזיקע וויסנשאַפֿטלעכע קריטיק. ער האָט געוואָלט אַז יעדער סאָנעט זאָל זיך לייענען ווי אַ באַזונדער ליד אָן ספּעציעלע דער־קלערונגען.

אין די לעצטע פּאָר וואָכן פֿון זיין לעבן האָט דער טאַטע יעדן טאָג געפֿלאַנט אַריינצוגעבן די סאָנעטן אין דרוק. דאָס איז אים אָבער נישט געווען באַשערט. ער איז געווען פֿול מיט נייע פּלענער און נייע פּראָיעקטן. ער האָט נישט געוואוסט אַז דאָס בוך וועט זיין די לעצטע מתנה זיינע פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

שמואל לאַפּין

רשימה פון ערשטע שורות

אַ בונד גייט צווישן אויג און האַרץ מיינס אַן 47
אָ, ווען זאָלסט בלייבן דו — נאָר ליבלינג מיין 13
אָ, וויפל שענער נאָך איז שיינקייט־פּראַכט 54
אָ, זאָגט נישט, כ׳בין געווען אין האַרץ אומטריי 109
אָ, ליבער יונג, וואָס מאַכטיק האַלטסט אין האַנט 126
אָ, סאַראַ אויגן האָט געשענקט מיר ליבע 148
אָ, סאַראַ אָרימקייט מיין מוזע ברענגט 103
אָ, פּוילע מוזע, זאָג, ווי צאָלסטו אויס 101
אָ, צוליב מיר פּירסט מיטן מזל קריג 111
אויב דו מיין פול־געלעבטן טאָג לעבסט איבער 32
אויב ס׳איז ניטאָ קיין נייס, און דאָס וואָס איז 59
אויב ס׳שטערט דיין זעל ווען כ׳קום מיט נאָנטקייט צו 136
אַז דו דאַרפסט פאַרב, כ׳האָב קיינמאָל ניט באַמערקט 83
אַזוי כ׳וועל לעבן; מיינענדיק דו ביסט טריי 93
איך האָב געזען פיל פּראַקטיקע באַגינענס 33
אין אַלטער צייט איז שוואַרץ געווען ניט שיין 127
אין כראָניק־בוך פון צייט פאַרשוואונדטער לאַנג 106
אין מזרח, זע, ווען ס׳ליכט הויבט פייער־קאָפּ 7
באַניי דיין קראַפט, אָ, ליבע, ס׳זאָל ניט זיין 56
באַפעלסט ס׳זאָל אָפן האַלטן דיין געשטאַלט 61
ביסט פאַר מיין זין, וואָס שפּייז פאַר גוף באַדייט 75
ביסט פרוי־געשטאַלט, געמאָלט מיט אייגן האַנט 20
גאָר נישט ווי זון מיין ליבסטערס אויגן שיינען 130
דאָס אָפּניץ פון דיין פּראַכט דיין שפּיגל ווייזט 77
דו ביסט, דו ביסט אַליין, טיראַניש־האַרט 131
דו ווייסט אַז איך שווער פאַלש דיך ליבנדיק 152
דו זאָג, ביסט פאַר אַ שולד אַוועק פון מיר 89
דו, ליבע, בלינדער נאַר, צו אויג מיינס, דו 137
דו משחית צייט, לייבס נעגל־שאַרף פאַרטעמפּ 19

די אײגן־ליבע זינד מײַן אויג געװוינט 62
די אַנדערע צװײ: לופט לײַכטע, רײנער פֿײַער 45
די היבשע זינד, װאָס פֿרײַהײט טוט באַגײן 41
די זאַך װאָס אָפּגעטאָן — באַדױער ניט 35
די חרפּה! לײקן אַז דײַן האַרץ טראָגט ליבע 10
די טײלן דײַנע, װאָס װעלטס אויג זײ זעט 69
די ליפּ — דורך ליבעס האַנט געמאַכט 145
די שורות לײגן — װאָס איך האָב געשריבן 115
די שעהן, — װאָס מיט זײער מיאונג, צאַרט 5
דײַן ברוסט איז ליב מיט אַלע הערצער העל 31
דײַן חשבון־בוך געשאַנק כ׳טראָג אין געדאַנק 122
דײַן שלעכטס אײנמאָל צו מיר — מיך איצט באַפֿרײַנדט 120
דײַן שקלאַף, װאָס זאָל איך טאָן חוץ דינען דיר 57
דער זאָגט — דײַן יוגנטס שולד, דער — זינד־צעברױז 96

האָט דאָס דײַן ליד מיט שטאָלצן זעגל־שפּרײט 86
האָט װאָס מײַן מאַרך, װאָס טינט נאָר שרײַבן קען 108
האָר פֿון מײַן ליבע, װעמעס גרויסע גאָב 26

װאו ביסטו, מוזע, װאָס פֿאַרגעסט זיך לאַנג 100
װאָלט זײַן מײַן ליבע בלויז אַ קינד פֿון פּראַכט 124
װאָלט טעמפּער שטאָף פֿון גוף מײַנס זײַן געדאַנק 44
װאָס איז דער שטאָף פֿון װאָס דו ביסט געקנאָטן 53
װי אָפּגעשװאַכטן פֿאָטער פֿרײט צו זען 37
װי אָפֿט, מוזיק מײַנס, װען מוזיק דו שפּילסט 128
װי באַלעבאָסטע, טרײַ, זיך יאָגט נאָך עוף 143
װי דער אַקטיאָר אויף בינע ניט געניט 23
װי װינטער איז מײַן װײַט־זײַן מיר געװען 97
װי זיס און ליב מאַכסט אויסצוזען די שאַנד 95
װי ס׳ציען כװאַליעס זיך צום שטײנער־ברעג 60
װי פֿאַרזיכטיק איך האָב, פֿאַר אָפּשײד־מײַן 48
װי צו דעם האַרץ, װאָס צװינגט מײַן האַרץ צו קלאָג 133
װי צו פֿאַרשאַרפֿן אונדזער אַפּעטיט 118
װי קאָן איך גײן צוריק אין פֿרײדיקײט 28
װי קאָן איך שײַן באַזינגען גאָר דײַן גרויס 39
װי קאָן מײַן מוזע פֿעלן אײנפֿאַל נײַער 38
װי קאָנסט, אַ, בײזע, זאָגן כ׳ליב נישט דיך 149
װי שװער אַזױ דאָס װאַנדערן מיר גײט 50

ווי שנעל דו וועלקסט, אויך שנעל אַזוי וואַקסט אויף 11
וועט גלויבן ווער מיין ליד אין צייט וואָס קומט 17
ווען איך באַטראַכט אַז אַלץ וואָס ס׳וואַקסט דאָ נאָר 15
ווען איך וועל שטאַרבן קלאָג נאָך מיר ניט מער 71
ווען דו הויבסט אָן מיך נעמען לייכטערהייט 88
ווען כ׳האָב אַליין פאַרלאַנגט דיין הילף פון דיר 79
ווען כ׳זע רייך־שטאָלצן ווערט פון אַלטע וועלטן 64
ווען כ׳צייל די זייגער־שעהן פון דער צייט 12
ווען כ׳רוף אין זיסער שטילקייט פון געדאַנק 30
ווען כ׳שרייב פון דיר, אָ, ווי כ׳ווער אָפּגעשוואַכט 80
ווען ס׳איז פאַרמאַכט, זעט בעסט מיין אויג אין מיר 43
ווען ס׳ווערט ווי איך אַצינד זיין ליבסטער מיין 63
ווען ס׳שווערט מיין ליבסטע, זי איז ריינע וואָר 138
ווען פערציק ווינטערס לעגערן דיין שטערן 2
ווער ס׳האָט געהאַט איר וואונטש — דו האָסט דיין „וויל״ 135
ווער ס׳האָט די מאַכט צו ווייטאָן און זאָגט ניין 94
ווער זאָגט עס מער, ווער האָט מער אויסגעדריקט 84
ווער ס׳שיינט מיט יחוס, ווער מיט פיאיקייט 91

זאָג צום געשטאַלט, וואָס זעסט אין שפּיגל שטיין 3
זאָל איך פאַרגלייכן דיך צום זומער־טאָג ? 18
זאָל גאָט, וואָס מאַכט מיר שקלאַף דיינס, היטן מיר 58
זיי קלוג, ווי דו ביסט שלעכט און זאָלסט ניט שלאָגן 140
זיין באַק איז מאַפּע פון פאַרגוצטע טעג 68
זינט כ׳האָב פאַרלאָזט דיך, אויג אין זין מיינס ליגט 113
זעל אָרימע, דער פונקט פון זינד־ערד מיינער 146

טאָ האַס מיך ווען דו ווילסט ; אויב ווען — איז שוין 90
טו ס׳ערגסטע, זיך אַרויסצוגנבען דאָך 92

כ׳בין ווי דער גביר, וואָס גליקלעך שליסל קאָן 52
כ׳בין ווייט געווען פון דיר אין פרילינג־צייט 98
כ׳גיב צו, מיר צוויי אין צווייען מוזן זיין 36
כ׳גיב צו, פאַרקנסט ביסט צו מיין מוזע ניט 82
כ׳האָב אָפּט דיר פאַר מיין מוזע אויסדערווילט 78
כ׳האָב דיינע אויגן ליב ; רחמנות־גרייט 132
כ׳האָב דרייסטן וויאָלעט געמוסרט האַרב 99
כ׳האָב ליבעס צוויי, פון טרייסט און יאוש־פלאַם 144
כ׳וועל שפּיגל מיין ניט גלויבן, איך בין אַלט 22

לאַז די, וואָס האָבן ביי די שטערן חן 25
לאַז ווינטערס גרוילע האָנט דיין זומער דיר 6

מוזיק, פאַרוואָס, זאָג, הערסט מוזיק מיט טרויער? 8
מיין אויג און האַרץ — מלחמה פירן ווילד 46
מיין אויג האָט מאַלעריי געשפילט, געמעלט 24
מיין גייסט, געקרוינט מיט דיר, צי טרינגט ער גאָר 114
מיין זינד איז ליבע; האַס — דאָס צניעות דיין 142
מיין ליבע איז געשטאַרקט, כאָטש שוואַכער ס'דאַכט 102
מיין ליבע ווי אַ פיבער איז — באַגערט 147
מיין ליבע קאָן אויך מיד פאַרברעך פאַרשטיין 51
מיין שטומע מוזע, גוט דערצויגן, שוויגט 85
מיט מיר איז ניט ווי מיט דער מוזע יענער 21
מיר ווילן שיין באַשאַף זאָל מערן זיך 1

ניט איַגן שרעק, ניט נביא־גייסט מיט טרוים 107
ניט מאַרמאָר, ניט באַגילדטער מאָנומענט 55
ניט מעש, ניט שטיין, ניט ערד, ניט ים אָן ברעג 65
ניט לאָז איך זאָל דעם טרייען גייסטער־בונד 116
ניט רוף, כ'זאָל קומען מיט פאַרענטפערונג 139
ניין, צייט, באַרים זיך נישט אַז איך זיך בייט 123
נישט רופט אידאָלן־דינסט די ליבע מיינע 105
נעם אַלע ליבעס, ליב מיינס, אַלע נעם זיי 40

ס'איז בעסער שלעכט זיין ווי זיין שלעכט־באַרימט 121
ס'איז וואָר, ס'איז דאָ און דאָרט געווען מיין טראָט 110
ס'איז ניט מיין גאַנצער וויי, וואָס דו האָסט איר 42
ס'איז ניט דיין שולד, וואָס שולדיק ווערסט געמאַכט 70
ס'האָט ליבשאַפט, מיטלייד דיינס, מיר אויסגעפילט 112
ס'זאָל ווערלט ניט צווינגען דיך דערציילן איר 72
סירענע טרער־גיפט איז געווען מיין טרונק 119

ער איז דאָך דיין, איצט בין איך מודה זיך 134

פאַר יענער צייט, אויב ס'קומט די ציי טאָמאָל 49
פאַר מיר, ווערסט שיינער פריינט, נישט קיינמאָל אַלט 104
פאַר שרעק, ס'וועט זיין אלמנהס אויג פאַרטרערט 9
פאַרבלייב געזונט! פאַר מיר דו ביסט צו טייער 87
פאַרוואָס איז לער פון נייעם שטאָלץ מיין ליד 76
פאַרוואָס אין וועלט פון דאַרבונג זאָל ער לעבן 67
פאַרוואָס האָסט שיינעם טאָג מיר צוגעזאָגט 34

פאַרוואָס פּירסט טאָקע נישט נאָך מעכטיקער 16
פאַרקלאָג מיך: ס׳האָט מיין קאַרגשאַפט אַלץ פאַרנומען 117
פאַרוואָר, מיט מיינע אויגן כ׳ליב דיך ניט 141
פאַרשוועגד פון גייסט, אין שווענדונג־שאַנד פאַרניצט 129
פאַרשווענדערישע פראַכט, דיין הערלעכקייט 4
פון וואָסער קראַפט איז שטאַרקע קראַפט אין דיר 150
פון מזל און אין מענטשנס אויג פאַרמיאוסט 29
פון מי פאַרמאַטערט אייל איך צו מיין בעט 27
פון שטערן כ׳לערן נישט קיין וויסן אויס 14

צו יונג איז ליבע, קאָן געוויסן ניט 151
צופרידן זיי: ווען גרויליקער אַרעסט 74
צי זיך אַליין מיט באַלדאַכין כ׳באַדעק 125
צי כ׳וועל דיין עפּיטאָף דערלעבן שרייבן 81

קאָנסט יענע צייט פון יאָר איצט זען אין מיר 73
קופּיד זיין פאַקל לייגט ביים זייט, שלאָפט איין 153

שוין מיד פון אַלעם דעם — כ׳רוף רו פון טויט 66
שלאָפט איינמאָל קליינער ליבע־גאָט און ס׳ליגט 154

1

מיר ווילן שיין באַשאַף זאָל מערן זיך,
עס זאָל נישט טויט אין שיינקײַט־רויז אַרײַן,
ווען רײַפּסטער שיידט זיך אָפּ פֿון לעבן גיך
זאָל צאַרטער יורש אייגן אָנדענק זײַן.
נאָר דו, פֿאַרקנסט צו אייגן ברעניק אויג,
דײַן פֿלאַם מיט אייגן ברען־שטאָף דו דאָך שפּײַזסט,
מאַכסט הונגער אָן, וואו רחבות איז צעלייגט,
ביסט אייגן פֿײַנט, זיך צופֿיל גרויל דו ווייזט.
דו, וואָס ביסט איצט וועלטס פֿרישער אָרנאַמענט
און אָנזאָג איינציקער פֿון פֿרילינג־פֿרייד, —
דײַן איך ווערט אין דײַן אייגן קנאָספּ פֿאַרשווענדט,
דײַן גוטס אין קאַרגשאַפֿט, וואוילער יונג, צעגייט.
זײַ גוט צו וועלט, אויב ניט — פֿרעסט אויף מיט גיר
וואָס ס׳קומט דער וועלט פֿון קבר און פֿון דיר.

2

ווען פֿערציק ווינטערס לעגערן דײַן שטערן
און גראָבן גריבער אין דײַן שיינקײַט־פֿעלד,
דײַן יוגנט־קלייד, וואָס אַלע איצט פֿאַרערן,
צעריסן ווילד־גראָז בלײַבט, אָן ווערט, פֿאַרוועלקט.
מען פֿרעגט דיך דאַן, וואו גאָר דײַן שיינקײַט ליגט,
וואו איז פֿאַרמעג פֿון די געזונטע טעג ? —
ווען זאָגסט זיי ס׳איז אין אייגן טיפֿן בליק,
איז לויב־פֿאַרשווענד און גראָבער חרפּה־פּלעק.
מער לויב וואָלט דאָך געקומט דײַן שיינקײַט־מאַכט
ווען דו קאָנסט זאָגן : קינד דאָס שיינע מײַן
וועט מאַכן חשבון פֿאַר מײַן שוץ. זײַן פּראַכט
באַווײַזט דורך דעם, וואָס ער איז יורש דײַן.
דאָס הייסט, באַנײַען זיך ווען דו ווערסט אַלט,
דערפֿילן הייס דײַן בלוט, ווען בלוט ווערט קאַלט.

I

From fairest creatures we desire increase,
That thereby beauty's rose might never die,
But as the riper should by time decease,
His tender heir might bear his memory:
But thou, contracted to thine own bright eyes,
Feed'st thy light's flame with self-substantial fuel,
Making a famine where abundance lies,
Thyself thy foe, to thy sweet self too cruel.
Thou that art now the world's fresh ornament
And only herald to the gaudy spring,
Within thine own bud buriest thy content
And, tender churl, makest waste in niggarding,
  Pity the world, or else this glutton be,
  To eat the world's due, by the grave and thee.

II

When forty winters shall besiege thy brow,
And dig deep trenches in thy beauty's field,
Thy youth's proud livery, so gazed on now,
Will be a tatter'd weed, of small worth held:
Then being ask'd where all thy beauty lies,
Where all the treasure of thy lusty days,
To say, within thine own deep-sunken eyes,
Were an all-eating shame and thriftless praise.
How much more praise deserved thy beauty's use,
If thou couldst answer 'This fair child of mine
Shall sum my count and make my old excuse,'
Proving his beauty by succession thine!
  This were to be new made when thou art old,
  And see thy blood warm when thou feel'st it cold.

3

זאָג צום געשטאַלט, וואָס זעסט אין שפּיגל שטיין:
שוין צײַט אַ צווייטן פּנים איצט זאָלסט שטאַלטן;
וואָס אויב באַנײַסט נישט איצט זײַן פֿרישן חן,
נאַרסט וועלט און בענטשונג מאַמעס טוסט פֿאַרהאַלטן.
ווער איז זי, די, מיט ניט פֿאַרזייטער טראַכט,
וואָס זאָגט דיך אָפּ באַאַקערונג פֿון זאָם?
צי' דער — וואָס פֿון זײַן אייגנליבשאַפֿט מאַכט
זײַן קבר, צאַמענדיק זײַן דורות־שטראָם?
ביסט מוטערס שפּיגל און דורך דיר זי קען
איצט רופֿן קריק אַפּריל־פּראַכט פֿון איר בלי.
אַזוי וועסט אויך דורך שויב פֿון עלטער זען, —
כאָטש קנייטשנפֿול, — דײַן שיינע צײַט אָט די.
נאָר אויב דו לעבסט אויף ניט דערמאָנט צו זײַן,
אַ בחור שטאַרב און ס'שטאַרבט אויך אָנבליק דײַן.

4

פֿאַרשווענדערישע פּראַכט, דײַן הערלעכקײַט
פֿאַרוואָס אויף זיך אַליין פֿאַרשווענדסט אָן שפּאָר?
נאַטורס מתנה שענקט ניט, נאָר אַנטלײַט,
ווײַל פֿרײַ אַליין, אַנטלײַט זי פֿרײַע נאָר.
פֿאַרוואָס, אָ, קמצן שיינער, נוצסט נישט אויס
די גאָב וואָס דיר געשענקט, געשענקט צו זײַן?
אומזיסטער וואָכערניק, אַ סומע גרויס
ברענגסט אויס, נאָר לעבן קענסט נישט ס'לעבן דײַן...
ס'ווערט זיסער איך גענאַרט פֿון זיך אַליין,
ווײַל שטענדיק נאָר פֿאַרטאָן געווען מיט זיך;
נאָר ווען נאַטור וועט רופֿן דיך צו גיין,
וואָס בלײַבט נאָך דיר בײַם לעצטן חשבון־שטריך?
דײַן שיינקײַט, ניט גענוצט, מיט דיר זינקט אײַן,
גענוצט — דאַן לעבט זי יורש דײַנס צו זײַן.

III

Look in thy glass, and tell the face thou viewest
Now is the time that face should form another;
Whose fresh repair if now thou not renewest,
Thou dost beguile the world, unbless some mother.
For where is she so fair whose unear'd womb
Disdains the tillage of thy husbandry?
Or who is he so fond will be the tomb
Of his self-love, to stop posterity?
Thou art thy mother's glass, and she in thee
Calls back the lovely April of her prime:
So thou through windows of thine age shalt see
Despite of wrinkles, this thy golden time.
  But if thou live, remember'd not to be,
  Die single, and thine image dies with thee.

IV

Unthrifty loveliness, why dost thou spend
Upon thyself thy beauty's legacy?
Nature's bequest gives nothing, but doth lend,
And being frank, she lends to those are free.
Then, beauteous niggard, why dost thou abuse
The bounteous largess given thee to give?
Profitless usurer, why dost thou use
So great a sum of sums, yet canst not live?
For having traffic with thyself alone,
Thou of thyself thy sweet self dost deceive.
Then how, when nature calls thee to be gone,
What acceptable audit canst thou leave?
  Thy unused beauty must be tomb'd with thee,
  Which, used, lives th' executor to be.

5

די שעהן, — וואָס מיט זייער מיאונג, צאַרט,
געשטאַלטן פורעמען, וואָס אויג געפעלט, —
אויך קאָנען זײַן צו זיי טיראַניש האַרט,
אַנטשיינען דאָס, וואָס איצט מיט שיינקײַט העלט.
ווײַל צײַט, קיינמאָל אין רו, דעם זומער פירט
צום גרוילן ווינטער, דאָרט צו טייטן אים:
אָן בלעטער — בוים, זײַן זאַפט פון פראָסט פאַרפרירט,
פאַרוויסט אין שניי ליגט גאַנצע פראַכט פון גרין.
ווען ס'וואָלט נישט זומער־זאַפט פאַרבליבענער
געפאַנגען זײַן, אין גלעזער־ווענט פאַרמאַכט,
בלײַבט פון דער שיינקײַט שיינקײַט־שפור ניט מער,
קײַן אָנדענק נישט אַז ס'איז געווען די פראַכט:
דער בלומען־זאַפט, כאָטש אונטער ווינטער־יאָך,
בלויז מראה בײַט, דאָך בלײַבט זײַן זיסער תוך.

6

לאָז ווינטערס גרוילע האַנט דײַן זומער דיר
נישט דאַרבן, איידער דו באַהאַלטסט דײַן זאַפט;
דײַן פלאַש זיס אָן; אַן אָרט מיט רײַכקײַט־ציר
באַציר, ווען ניט געטייט זיך האָט זיין קראַפט.
און ס'איז ניט אויסנוץ פון אַ וואָכערניק,
וואָס פרייט זיך דאַן, ווען עמיץ צאָלט אים אויס;
אַ נײַעם דו צו ברענגען איז דײַן גליק,
האָסט צען מאָל גליק, ווען צענדליק ברענגסט אַרויס.
ווערסט צען מאָל מער ווי איצט באַגליקט אַליין,
אויב דורך צען קינדער צען מאָל דו ווערסט;
דער טויט, וואָס קען שוין טאָן נאָך דײַן פאַרגיין,
אַז לעבסט דײַן לעבן אין ירושה ערשט? —
ניט עקשן זיך, צו שיין איז שיינקײַט דײַן
טויטס קרבן און פאַר ווערים אַרבונג זײַן.

V

Those hours, that with gentle work did frame
The lovely gaze where every eye doth dwell,
Will play the tryants to the very same
And that unfair which fairly doth excel:
For never-resting time leads summer on
To hideous winter and confounds him there;
Sap check'd with frost and lusty leaves quite gone,
Beauty o'ersnow'd and bareness every where:
Then, were not summer's distillation left,
A liquid prisoner pent in walls of glass,
Beauty's effect with beauty were bereft,
Nor it, nor no remembrance what it was:
  But flowers distill'd, though they with winter meet,
  Leese but their show; their substance still lives sweet.

VI

Then let not winter's ragged hand deface
In thee thy summer, ere thou be distill'd:
Make sweet some vial; treasure thou some place
With beauty's treasure, ere it be self-kill'd.
That use is not forbidden usury,
Which happies those that pay the willing loan;
That's for thyself to breed another thee,
Or ten times happier, be it ten for one;
Ten times thyself were happier than thou art,
If ten of thine ten times refigured thee:
Then what could death do, if thou shouldst depart,
Leaving thee living in posterity?
  Be not self-will'd, for thou art much too fair
  To be death's conquest and make worms thine heir.

7

איז מזרח, זע, ווען ס׳ליכט הויבט פֿייער־קאָפּ
און יעדע אונטער־אויג מיט שטוינונג גיט
דער ניי־צעשײַנטער זעאונג כבוד אָפּ,
מיט בליק דינט פֿאַרכטיקן געשטאַלט צעגליט.
ווען ס׳ליכט צום הימל־באַרג דערגרייכט האָט שוין,
ווי מיטל־יער קוקט שטאַרקע יוגנט אויס, —
דאָך קוקן מענטשן פֿאַרכטיק צו דעם רוים,
דאָרט וואו, ס׳גייט ליכט זײַן פּילגרים־וועג פֿאַראויס.
נאָר ווען גאָר הויך, אויף רײַטוואָגן שוין מיד,
גייט ליכט ווי זקן פֿאַרן טאָג שוין קוים,
די בליקן, — וואָס מיט שטוינונג אים געהיט, —
זײַן שמאָלן טראַקט איצט מײַדן אויס אין רוים.
ווען דו אויך גייסט דײַן מיטן־טאָג שוין אום,
וועסט שטאַרבן אומבאַמערקט, אויב אָן אַ זון.

8

מוזיק, פֿאַרוואָס, זאָג, הערסט מוזיק מיט טרויער?
עס קריגט נישט זיס מיט זיס און פֿרייד ליבט פֿרייד;
פֿאַרוואָס ליבסט דאָס, וואָס ווען ס׳איז דײַנס — באַדויערסט,
געפֿעלט דיר מער, וואָס ווי אין דיר פֿאַרשפּרייט?
ווען טרײַ געמיש פֿון טאָנען־קלאַנגען זיסע
אין איינס פֿאַראיינט, דעם אויער דײַנעם נאָגט,
זיי שרײַען זיס אויף דיר פֿאַר דײַן צעמישן
אַליינקײַט דײַן מיט טיילן וואָס דו טראָגסט.
איין סטרונע, זע, זיס פּאָרט זיך מיט דער צווייטער,
שלאָגט איינס מיט איינס אין איין איינקלאַנגיקײַט,
ווי פֿאָטער, קינד און מוטער ליב־צעפּרייטע,
איין קלאַנג־טאָן פֿריידיק זינגען זײַט בײַ זײַט.
דאָס שטום געזאַנג — פֿון פֿיל, דאָך איין געמיש, —
זינגט דאָס צו דיר: אַליינקײַט פֿירט צו נישט!

VII

Lo! in the orient when the gracious light
Lifts up his burning head, each under eye
Doth homage to his new-appearing sight,
Serving with looks his sacred majesty;
And having climb'd the steep-up heavenly hill,
Resembling strong youth in his middle age,
Yet mortal looks adore his beauty still,
Attending on his golden pilgrimage;
But when from highmost pitch, with weary car,
Like feeble age, he reeleth from the day,
The eyes, 'fore duteous, now converted are
From his low tract and look another way:
  So thou, thyself out-going in thy noon,
  Unlook'd on diest, unless thou get a son.

VIII

Music to hear, why hear'st thou music sadly?
Sweets with sweets war not, joy delights in joy.
Why lovest thou that which thou receivest not gladly,
Or else receivest with pleasure thine annoy?
If the true concord of well-tuned sounds,
By unions married, do offend thine ear,
They do but sweetly chide thee, who confounds
In singleness the parts that thou shouldst bear.
Mark how one string, sweet husband to another,
Strikes each in each by mutual ordering,
Resembling sire and child and happy mother
Who all in one, one pleasing note do sing:
  Whose speechless song, being many, seeming one,
  Sings this to thee: 'thou single wilt prove none.'

9

פֿאַר שרעק, ס'וועט זײַן אלמנהס אויג פֿאַרטרערט,
פֿאַרניצטו בחורשאַפֿט דײַנס אומגעשפּאָרט ? —
אָ, אויב אַן קינדער גייסט אַוועק פֿון דר'ערד,
באַקלאָגט דיך וועלט ווי ווײַב וואָס ניט געפּאָרט.
ס'וועט וועלט אלמנה זײַן אין גרויס געוויין,
וואָס ניט געבליבן איז נאָך דיר געשטאַלט ;
אלמנה יעדערע זעט מאַנס געביין
דורך אויג פֿון קינד, וואו ער איז אָפּגעשטראַלט.
זע, וואָס דער אויסברענגער אויף וועלט פֿאַרשווענדט
בײַט אָרט זײַנס בלויז, ווײַל וועלט פֿון אים האָט פֿרייד ;
פֿאַרשווענדטע שיינקײַט האָט אויף דר'ערד איר ענד
און ווערט צעשטערט, ווען ניט גענוצט זי שטייט.
קײַן האַרץ פֿאַר קיינעם קען נישט טראָגן ליבע,
וואָס זיך אַליין מיט מערדער־שאַנד טרעט איבער.

10

די חרפּה ! לייקן אַז דײַן האַרץ טראָגט ליבע,
ווען זיך אַליין באַזאָרגסט ניט אין פֿאָרויס,
גיב צו, פֿון הערצער פֿיל ביסט אויסגעקליבן,
ס'איז קלאָר, דו קיינעם נישט פֿון זיי קלײַבסט אויס ;
ווײַל ס'איז פֿאַרפֿולט דײַן האַרץ מיט מערדער־שנאה
און קעגן זיך דו שעמסט זיך ניט צו גיין,
משפּחה־דאַך ווילסט ברענגען צו רואינע,
ווען ס'דאַרף דײַן גרעסטע זאָרג זײַן בלוי פֿון היים.
בײַט דײַן געדאַנק, כ'זאָל אויך מײַן מיינונג בײַטן, —
זאָל האַס שטאָט ליבע דאַרפֿן וואוינען שיין ?
זײַ ווי געשטאַלטונג דײַנס געזונט און הײַטער,
באַווײַז כאָטש גוט קענסט זײַן צו זיך אַליין.
אַן אַנדער איך שאַף, מיר צוליב דאָס טו,
ס'זאָל פּראַכט אין דיר זײַן, צי אין צווייטן דו.

IX

Is it for fear to wet a widow's eye
That thou consumest thyself in single life?
Ah! if thou issueless shalt hap to die,
The world will wail thee, like a makeless wife;
The world will be thy widow and still weep
That thou no form of thee hast left behind,
When every private widow well may keep
By children's eyes her husband's shape in mind.
Look, what an unthrift in the world doth spend
Shifts but his place, for still the world enjoys it;
But beauty's waste hath in the world an end,
And kept unused, the user so destroys it.
  No love toward others in that bosom sits
  That on himself such murderous shame commits.

X

For shame! deny that thou bear'st love to any,
Who for thyself art so unprovident.
Grant, if thou wilt, thou art beloved of many,
But that thou none lovest is most evident;
For thou art so possess'd with murderous hate
That 'gainst thyself thou stick'st not to conspire,
Seeking that beauteous roof to ruinate
Which to repair should be thy chief desire.
O, change thy thought, that I may change my mind!
Shall hate be fairer lodged than gentle love?
Be, as thy presence is, gracious and kind,
Or to thyself at least kind-hearted prove:
  Make thee another self, for love of me,
  That beauty still may live in thine or thee..

11

ווי שנעל דו וועקלסט, אויך שנעל אַזוי וואַקסט אויף
אין איינס פֿון די, פֿון וועמען דו פֿאַרוואַנדערסט;
און ס'פֿרישע בלוט, וואָס יונג דו שענקסט פֿון גוף,
קאָנסט רופֿן דײַנס, ווען עלטער דיר פֿאַראַנדערשט.
אין דעם לעבט חכמה, פּראַכט און פּרוכפּערקײַט;
אויב ניט קומט אומזין, עלטער און צעשטערונג:
וואָלט יעדער דאָס געטראַכט, בלײַבט שטיין די צײַט,
אין איין שאָק יאָר און שוין קײַן וועלט ניט מערער!
וועם ס'האָט נאַטור נאַטור אויף בלײַבן נישט געבראַכט,
פֿאַרגיין זאָל רוי, אָן שפּור און ניט געשטאַלטיקט;
נאָר וועם נאַטור באַשענקט — זי שענקט אַ סך
און זאָלסט איר גוטע גאָב מיט גוטסקײַט האַלטן.
זי האָט דיך פֿאַר איר שטאַמפּ געקריצט מיט מיין:
זאָלסט דרוקן נאָך, ס'זאָל קאָפּיע נישט פֿאַרגיין.

12

ווען כ'צייל די זייגער־שעהן פֿון דער צײַט,
כ'זע בראַווער טאָג פֿאַרזינקט אין גרוילער נאַכט,
ווען צײַט פֿאַר בלי און בלום — פֿאַרגאַנגען, ווײַט,
און זילבער שוין די שוואַרצע לאָקן־פּראַכט;
ווען בוימער, שטאָלץ, כ'זע הויל, אָן בלעטער־שפּרייט,
ס'האָט זייער שאָטן סטאַדע ערשט פֿאַרדעקט;
און זומער־גרינס — אין גאַרבן־שניט שוין טויט —
מיט ווײַסע בערד אויף מיטה־ערד געשטרעקט;
דאַן פֿרעג איך זיך אויך פֿון דײַן שיינקײַט־סוף,
ווײַל צײַט, וואָס אַלץ פֿאַרלענדט — דיר שיקט איר רוף;
אַליין־פֿאַרראַט פֿאַר זיס און שיין די שטראָף,
זיי שטאַרבן שנעל, ווען נײַע גייען אויף.
חוץ נײַעם דור, קײַן אַנדער שוץ האָסטו,
ווען ס'נעמט צײַטס קאָסע דיך פֿון דאַנען צו.

XI

As fast as thou shalt wane, so fast thou growest
In one of thine, from that which thou departest;
And that fresh blood which youngly thou bestowest
Thou mayst call thine when thou from youth
    convertest.
Herein lives wisdom, beauty and increase;
Without this, folly, age and cold decay:
If all were minded so, the times should cease
And threescore year would make the world away.
Let those whom Nature hath not made for store,
Harsh featureless and rude, barrenly perish:
Look, whom she best endow'd she gave the more;
Which bounteous gift thou shouldst in bounty cherish:
  She carved thee for her seal, and meant thereby
  Thou shouldst print more, not let that copy die.

XII

When I do count the clock that tells the time,
And see the brave day sunk in hideous night;
When I behold the violet past prime,
And sable curls all silver'd o'er with white;
When lofty trees I see barren of leaves
Which erst from heat did canopy the herd,
And summer's green all girded up in sheaves,
Borne on the bier with white and bristly beard,
Then of thy beauty do I question make,
That thou among the wastes of time must go,
Since sweets and beauties do themselves forsake
And die as fast as they see others grow;
  And nothing 'gainst Time's scythe can make
    defence
  Save breed, to brave him when he takes thee hence.

13

אָ, ווען זאָלסט בלײַבן דו — נאָר ליבלינג מײַן,
ביסט דאַן בלויז דו, ווי לאַנג אויף דר׳ערד פֿאַרבראַנגסט ;
פֿאַר אָנקום פֿון דײַן סוף געגרייט מוזסט זײַן,
איז גוט, ווען פּראַכט דײַנס צו אַ צווייטן שענקסט.
וועט דאַן שוין מער צו־דיר־געבאָרגטע פּראַכט
נישט ציטערן פֿאַר סוף, ווערסט זיך צוריק,
וועסט זיין אויך דו אין קבר צוגעמאַכט,
ווען ס׳וועט קינדס אויג זיס לײַכטן מיט דײַן בליק.
ווער וואָלט געלאָזט צעשטערן זײַן שיין הויז,
ווען ס׳וואָלט — דורך גוטע ווירטשאַפֿט אײַנגעשטעלט —
געווען באַשיצט פֿון ווינטערס שטורעם־ברויז,
פֿון טויט און פֿון זײַן אייביק בייזער קעלט ? —
אָ, קיינס, בלויז שווענדער ! האָסט, מײַן ליב, פֿאַרמאָגט
אַ פֿאָטער ; הער ווי זון אויך פֿאָטער זאָגט.

14

פֿון שטערן כ׳לערן נישט קײַן וויסן אויס ;
נאָר ס׳דאַכט, צו אַסטראָנאָמיע קום איך אָן,
דאָך נישט צו זען דאָס גוטס און שלעכטס פֿאָרויס,
מגיפֿות, הונגער, גוטסקײַט פֿון סעזאָן ;
און פֿרעמד איז גורל מיר פֿון דער מינוט,
ווען ס׳קומט פֿאַר רעגן, דונער, ווינט, די צײַט, —
צי מזל וועט פֿאַר קעניגן זײַן גוט —
דאָס זע איך אַלץ נישט אין דעם הימל ווײַט ;
דאָך דײַנע אויגן העלפֿן מיר פֿאַרשטיין
און ווי דורך שטערן־קונסט איך זע באַשייד :
אַז אמת, פּראַכט, צוזאַמען דאַרפֿן גיין,
אויב גאָב דײַנס פֿאַר דײַן צוקונפֿט האָסט פֿאַרגרייט.
אַז ניט, דאַן זע איך סוף דײַנס אין פֿאָרויס :
דורך דיר לעשט טויט די פּראַכט און אמת אויס.

XIII

O, that you were yourself! but, love, you are
No longer yours than you yourself here live:
Against this coming end you should prepare,
And your sweet semblance to some other give.
So should that beauty which you hold in lease
Find no determination; then you were
Yourself again after yourself's decease,
When your sweet issue your sweet form should bear.
Who lets so fair a house fall to decay,
Which husbandry in honor might uphold
Against the stormy gusts of winter's day
And barren rage of death's eternal cold?
  O, none but unthrifts! Dear my love, you know
  You had a father: let your son say so.

XIV

Not from the stars do I my judgement pluck;
And yet methinks I have astronomy,
But not to tell of good or evil luck,
Of plagues, of dearths, or seasons' quality;
Nor can I fortune to brief minutes tell,
Pointing to each his thunder, rain and wind,
Or say with princes if it shall go well,
By oft predict that I in heaven find:
But from thine eyes my knowledge I derive,
And, constant stars, in them I read such art
As truth and beauty shall together thrive,
If from thyself to store thou wouldst convert;
  Or else of thee this I prognosticate:
  Thy end is truth's and beauty's doom and date.

15

ווען איך באַטראַכט אַז אַלץ וואָס ס'וואַקסט דאָ נאָר,
לעבט קליינע רגע בלויז דעם פֿולן לעבן;
ספּעקטאַקלען שטעלט די גרויסע בינע פֿאַר
און הימל־שטערן זיי אין סוד פֿאַרוועבן.
כ'זע מענטשן ווי די פֿלאַנצן זיך צעמערט,
דערפֿרייט, באַהערשט פֿון זעלבן הימל־רוים;
ווען יונג — שטאָלץ בליט דער זאַפֿט; ווען ריַיף — פֿאַרצערט.
ס'ווערט אין זכרון בראַווע צײַט פֿאַרגיין.
אין דעם באַגריף פֿון שיינקײַטס קורצער צײַט —
דערזע איך דיך אין פֿולער יוגנט־פּראַכט,
וואו שווענדער־צײַט מיט דער צעשטערונג שטרײַט
צו בײַטן יוגנט־טאָג מיט שוואַרץ פֿון נאַכט;
און פֿול אין קאַמף מיט צײַט, צו דיר געטרײַ,
וועל איך, ווען צײַט נעמט צו, דיך פֿלאַנצן נײַ.

16

פֿאַרוואָס פֿירסט טאָקע נישט נאָך מעכטיקער
דעם קריג מיט צײַט, דעם בלוטיקן טיראַן?
און זיך באַפֿעסטיקסט נישט אין דײַן צעשטער
מיט הייליקערס, ווי מיט מײַן פּוסטן גראַם?
האָסט שפּיץ פֿון פֿריידן־שעהן איצט פֿאַרנומען,
פֿיל יונג־פֿרוי גערטנער — נאָך אָן זאָם־באַריר —
געבראַכט דיר וואָלטן לעבעדיקע בלומען
פֿיל ענליכער ווי קינסטלערס בילד פֿון דיר.
טאָ זאָל אַ לעבן־שטריך פֿאַרריכטן ס'לעבן,
ווײַל נישט צײַטס פּינזל, נישט מײַן תּלמיד־פּען,
פֿון אינזיך און פֿון דרויסן קענען געבן
דײַן בילד, אַז אויג זאָל לעבעדיק דיך זען!
זיך געבן יענעם — האַלט דיך אָפּ פֿון טויט,
מוזסט לעבן דורך דײַן אייגן קראַפֿט געבויט.

XV

When I consider every thing that grows
Holds in perfection but a little moment,
That this huge stage presenteth nought but shows
Whereon the stars in secret influence comment;
When I perceive that men as plants increase,
Cheered and check'd even by the self-same sky,
Vaunt in their youthful sap, at height decrease,
And wear their brave state out of memory;
Then the conceit of this inconstant stay
Sets you most rich in youth before my sight,
Where wasteful Time debateth with Decay,
To change your day of youth to sullied night;
  And all in war with Time for love of you,
  As he takes from you, I engraft you new.

XVI

But wherefore do not you a mightier way
Make war upon this bloody tyrant, Time?
And fortify yourself in your decay
With means more blessed than my barren rhyme?
Now stand you on the top of happy hours,
And many maiden gardens yet unset
With virtuous wish would bear your living flowers,
Much liker than your painted counterfeit:
So should the lines of life that life repair,
Which this, Time's pencil, or my pupil pen,
Neither in inward worth nor outward fair,
Can make you live yourself in eyes of men.
  To give away yourself keeps yourself still,
  And you must live, drawn by your own sweet skill.

17

וועט גלויבן ווער מײַן ליד אין צײַט וואָס קומט,
אויב ס׳וועט דיר אײַנהילן אין לויב און ציר.
כאָטש ס׳וויס איין גאָט, ס׳איז נאָר מצבה, שטום,
וואָס דיך פֿאַרשטעלט און ווײַזט נישט העלפֿט פֿון דיר.
ווען גאָר דײַן אויגן־פּראַכט כ׳קען מאָלן נאָר,
אין פֿרישע צאָלן ציילן דײַנע חנ׳ען,
געזאָגט וואָלט נאָך־דור: דיכטער פֿעלשט די וואָר,
דער הימל־חן אויף דר׳ערד באַחנט נישט קיינעם.
טאָ זאָל מײַן שריפֿט פֿון עלטער געלבליך זײַן,
פֿאַרלאַכט ווי אַלטע לײַט פֿאַר ליגנער־רייד,
ווי׳ דיכטערס שרײַ באַרופֿט מען אמת דײַן,
אַן אַלטע ליד מיט מעטער אויסגעשפּרייט.
נאָר ווען כאָטש דײַנס אַ קינד געלעבט וואָלט דאַן,
צוויי מאָל דאַן לעבסט; אין אים — און אין מײַן גראַם.

18

זאָל איך פֿאַרגלײַכן דיך צום זומער־טאָג?
דו ביסט דאָך שענער פֿיל און מער געשטעלט,
ס׳ווערט ליבער מאַי־בליט רוי פֿון ווינט געיאָגט
און זומער־צײַט ווערט אויך צו שנעל פֿאַרוועלקט;
אָפֿט שײַנט צו הייס דעם הימלס אויג אַנטבלויזט,
אַמאָל פֿאַרטונקלט זיך זײַן גאָלדיקײַט,
און אַלץ וואָס שיין פֿון שיינקײַט צערט זיך אויס,
באַרויבט פֿון צופֿאַל צי נאַטור־פֿאַרבײַט!
נישט וועלקן, אייביק וועט דײַן זומער זײַן,
און ניט פֿאַרלירן וועט זײַן פּראַכטיקײַט,
ס׳וועט טויט נישט זאָגן: גייסט אין שאָטן מײַן, —
ווײַל שפּאַנסט אין שורות אייביקע צו צײַט.
ביז מענטשן אָטעמען און ס׳זעט דער בליק,
לעבט אויך מײַן ליד — און דו ביסט לעבעדיק.

XVII

Who will believe my verse in time to come,
If it were fill'd with your most high deserts?
Though yet, heaven knows, it is but as a tomb
Which hides your life and shows not half your parts.
If I could write the beauty of your eyes
And in fresh numbers number all your graces,
The age to come would say 'This poet lies;
Such heavenly touches ne'er touch'd earthly faces.'
So should my papers, yellow'd with their age,
Be scorn'd like old men of less truth than tongue,
And your true rights be term'd a poet's rage
And stretched metre of an antique song:
But were some child of yours alive that time,
You should live twice; in it and in my rhyme.

XVIII

Shall I compare thee to a summer's day?
Thou art more lovely and more temperate:
Rough winds do shake the darling buds of May,
And summer's lease hath all too short a date:
Sometime too hot the eye of heaven shines,
And often is his gold complexion dimm'd;
And every fair from fair sometime declines,
By chance or nature's changing course untrimm'd;
But thy eternal summer shall not fade
Nor lose possession of that fair thou owest;
Nor shall Death brag thou wander'st in his shade,
When in eternal lines to time thou growest:
So long as men can breathe or eyes can see,
So long lives this and this gives life to thee.

19

דו משחית, צײַט, לײבס נעגל־שאַרף פֿאַרטעמפּ,
צװינג ערד, איר זיסן שטאָם זאָל אײַנשלינגען,
און בײזן טיגערס צײן פּליק אױס אין קרעמפּ,
לאַנגלעביקן פֿעניקס אין זײַן בלוט פֿאַרברען.
אין לויף דײַנס — פֿרײד און פּײַן־סעזאָנען גרײט,
טו װאָס די װילסט, פֿלינק־פֿיסעדיקע צײַט,
צו װײַטער װעלט און פֿרײד אירס װאָס פֿאַרגײט,
נאָר איך פֿאַרבאָט דיך בלויז אײן שרעקליכקײַט:
אויף ליבנס שטערן קריץ ניט שעהן דײַנע,
מאָל דאָרט קײַן קנײטשן מיט דײַן אַלטער פען;
ער זאָל אין גאַנג דײַנס רײן אָן פֿלעקן שײַנען,
װי פּראַכט־מאָדעל זאָל אים די צוקונפֿט זען.
דו אַלטע צײַט, טראָץ גאָר דער בײזקײַט דײַן,
װעט ער אין ליד מײַנס אײביק יונגער זײַן.

20

ביסט פֿרױ־געשטאַלט, געמאָלט מיט אײגן האַנט
פֿון דער נאַטור, האַר־הערשערין דו מײַן;
צאַרט האַרץ פֿון פֿרױ, דאָך ניט מיט בײַט באַקאַנט,
װי מאָדע פֿון דער פֿאַלשער פֿרױ דאַרף זײַן.
אַן אויג מער העל פֿון אירס, אָן פֿאַלשער פּראַכט,
באַגילדנדיק די זאַך אויף װאָס עס קוקט;
אַ מאַן — געשטאַלט, געשטאַלטונג אין זײַן מאַכט,
װאָס מאַנסבילס אויג אַנטציקט, פֿרױס האַרץ פֿאַרצוקט;
אַ פֿרױ צו זײַן האָט דיך נאַטור געמאַכט,
ביז, אין באַשאַף, זיך אײַנגעליבט אין דיר;
דורך צוגאָב, דורכפֿאַל מיר אין דיר געבראַכט,
אײן זאַך קומט צו, װאָס איז אָן נוץ פֿאַר מיר.
זי דיך פֿאַר פֿרױ־גליק װײלט, — איז ליבשאַפֿט דײַן
פֿאַר מיר; דײַן ליבעס נוץ — פֿרױס גאָב זאָל זײַן.

XIX

Devouring Time, blunt thou the lion's paws,
And make the earth devour her own sweet brood;
Pluck the keen teeth from the fierce tiger's jaws,
And burn the long-lived phoenix in her blood;
Make glad and sorry seasons as thou fleet'st,
And do whate'er thou wilt, swift-footed Time,
To the wide world and all her fading sweets;
But I forbid thee one most heinous crime:
O, carve not with thy hours my love's fair brow,
Nor draw no lines there with thine antique pen;
Him in thy course untainted do allow
For beauty's pattern to succeeding men.
  Yet, do thy worst, old Time: despite thy wrong,
  My love shall in my verse ever live young.

XX

A woman's face with Nature's own hand painted
Hast thou, the master-mistress of my passion;
A woman's gentle heart, but not acquainted
With shifting change, as is false women's fashion;
An eye more bright than theirs, less false in rolling,
Gilding the object whereupon it gazeth;
A man in hue, all 'hues' in his controlling,
Which steals men's eyes and women's souls amazeth.
And for a woman wert thou first created;
Till Nature, as she wrought thee, fell a-doting,
And by addition me of thee defeated,
By adding one thing to my purpose nothing.
  But since she prick'd thee out for women's pleasure,
  Mine be thy love and thy love's use their treasure.

21

מיט מיר איז ניט ווי מיט דער מוזע יענער,
וואָס שיינקײַט פֿאַרביקע באַווירקט איר ליד,
קומט אַזש צום הימל אָן איר ציר צו נעמען,
און יעדע פּראַכט פֿאַר אייגן פּראַכט זי גיט.
די שטאָלץ־פֿאַרגלײַכן נאָר אין פּאָר זי מאַכט:
לבנה־זון, קאָראַל פֿון ערד און ים;
אַפּריל־געצוויט און זעלטנדיקע פּראַכט,
וואָס הימלס גרויסער רונד נעמט אין זײַן ראַם.
לאָז מיך, אין ליבע טרײַ, זײַן טרײַ אין וואָרט,
און גלויב מיך דאַן ס׳איז ליב מײַנס אַזוי שיין
ווי יעדע מוטער־קינד, נאָר נישט געקלאָרט
ווי יענע גאָלד־ליכט אין דעם הימל־ריין.
לאָז זיי באַרימען זיך מיט „הער־און־זאָג״,
איך לויב נישט, ניט צום מאַרק מײַן ציל איך טראָג.

22

כ׳וועל שפּיגל מײַן ניט גלויבן, איך בין אַלט,
זינט דו און יוגנט גלײַכן זיך אין צײַט;
דאָך כ׳זע: צײַט קריצט אין דיר איר עלטער־פֿאַלד,
וואָלט איך דורך טויט דאַן וועלן זײַן באַפֿרײַט.
ווײַל גאָר דײַן שיינקײַט־פּראַכט, וואָס הילט דיך אײַן,
איז פֿאַר מײַן האַרץ בלויז שיינער קלייד־באַציר,
וואָס לעבט אין דיר, ווי האַרץ דײַנס לעבט אין מײַן;
טאָ ווי שוין קען איך עלטער זײַן פֿון דיר
מײַן ליבער, שאַנעווע דו זיך אַליין,
ווי איך וועל טאָן פֿאַר דײַנעטוועגן בלויז;
וועל טראָגן האַרץ דיינס אָפּגעהיט און ריין,
ווי וואַכע אַם קראַנק קינד פֿון בייז היט אויס.
ניט טראַכט, דײַן האַרץ פֿאַרבלײַבט, ווען מײַנס שטאַרבט אָפּ,
דײַן האַרץ געשענקט — און קריגסט ניט קריק דײַן גאָב.

XXI

So is it not with me as with that Muse
Stirr'd by a painted beauty to his verse,
Who heaven itself for ornament doth use
And every fair with his fair doth rehearse;
Making a couplement of proud compare,
With sun and moon, with earth and sea's rich gems,
With April's first-born flowers, and all things rare
That heaven's air in this huge rondure hems.
O, let me, true in love, but truly write,
And then believe me, my love is as fair
As any mother's child,though not so bright
As those gold candles fix'd in heaven's air:
  Let them say more that like of hearsay well;
  I will not praise that purpose not to sell.

XXII

My glass shall not persuade me I am old,
So long as youth and thou are of one date;
But when in thee time's furrows I behold,
Then look I death my days should expiate.
For all that beauty that doth cover thee
Is but the seemly raiment of my heart,
Which in in thy breast doth live, as thine in me:
How can I then be elder than thou art?
O, therefore, love, be of thyself so wary
As I, not for myself, but for thee will;
Bearing thy heart, which I will keep so chary
As tender nurse her babe from faring ill.
  Presume not on thy heart when mine is slain;
  Thou gavest me thine, not to give back again.

23

ווי דער אַקטיאָר אויף בינע ניט געניט,
וואָס שרעק אים לאָזט ניט שפּילן ראָל זײַנס גוט,
ווי בייז באַשאַף פֿון צופּיל כעס צעגליט,
וואָס כח איבערפֿלוס שוואַכט אָפּ זײַן מוט;
אויך איך פֿאַרגעס פֿאַר שרעק פֿון צוטרוי דײַן
צערעמאָניאַל מײַן ליבע ברענגען דיר,
מײַן אייגן ליבע־קראַפֿט פֿון זיך אַליין פֿאַלט אײַן,
וואָס גרויסער ליבע־יאָך פֿאַריאָכט האָט מיר.
פֿאַר מיר — טאָ זאָלן ריידן ביכער מײַנע,
פֿאַרטײַטשער שטומע פֿון מײַן האַרץ־געברויז,
זיי וועלן פֿאַר מײַן ליבע־רעכט שטיל טענהן
פֿיל מער פֿון צונג, וואָס רעדט פֿיל מער אַרויס.
שטום ליבע־שריפֿט זיך לערן לײַענען:
מיט אויגן הערן — נאָר קלוג ליבשאַפֿט קען.

24

מײַן אויג האָט מאָלערײַ געשפּילט, געמעלט
דײַן שיינקײַט־פּראַכט אויף האַרץ־געפֿלאַך בײַ מיר,
עס איז מײַן גוף די ראָם, וואו פּראַכט דײַנס העלט,
און פּערספּעקטיוו איז קינסטלערס שענסטע ציר;
זײַן קונסט צו זען — דורך קינסטלער בלויז דו מוזסט,
דאָרט וועט דײַן טרײַ־געמאָלטער אָפּבילד זײַן,
וואָס הענגט נאָך אין דעם ווערקשטאַט פֿון מײַן ברוסט,
געגלאָזט די פֿענצטער מיט די אויגן דײַן.
איצט זע, פֿיל גוטס האָט אויג פֿאַר אויג געטאָן,
מײַן אויג — געמאָלן דײַן געשטאַלט; פֿאַר מיר
אַ פֿענצטער איז דײַן אויג, וואו זון קומט אָן,
מיט פֿרייד צו קוקן שטילערהייט אויף דיר.
דאָך בליץ דעם אויג פֿעלט וואָס דער קונסט באַגליט,
אויג מאָלט נאָר וואָס עס זעט, קען האַרצן ניט.

XXIII

As an unperfect actor on the stage
Who with his fear is put besides his part,
Or some fierce thing replete with too much rage,
Whose strength's abundance weakens his own heart,
So I, for fear of trust, forget to say
The perfect ceremony of love's rite,
And in mine own love's strength seem to decay,
O'ercharged with burden of mine own love's might.
O, let my books be than the eloquence
And dumb presagers of my speaking breast,
Who plead for love and look for recompense
More than that tongue that more hath more express'd.
  O, learn to read what silent love hath writ:
  To hear with eyes belongs to love's fine wit.

XXIV

Mine eye hath play'd the painter and hath stell'd
Thy beauty's form in table of my heart;
My body is the frame wherein 'tis held,
And perspective it is best painter's art.
For through the painter must you see his skill,
To find where your true image pictured lies;
Which in my bosom's shop is hanging still,
That hath his windows glazed with thine eyes.
Now see what good turns eyes for eyes have done:
Mine eyes have drawn thy shape, and thine for me
Are windows to my breast, where-through the sun
Delights to peep, to gaze therein on thee;
  Yet eyes this cunning want to grace their art;
  They draw but what they see, know not the heart.

25

לאָז די, וואָס האָבן בײַ די שטערן חן,
מיט רום און טיטל גרויסן זיך פֿאַר לײַט,
ווען מיך לאָזט גורל נישט לעם טריאומף שטיין,
מײַן פֿרייד איז ערן מער, ווען כ׳שטיי בײַם זײַט.
די פרינץ־דערוויילטע שפרייטן אויס די פראַכט
פֿאַר זונען־אויג ווי גאָלד־בלום בלויז צעשפרייט;
ס׳ליגט זייער שטאָלץ אין אייגן גרוב פֿאַרמאַכט,
ווײַל קרומער פרינץ־בליק זיי די שטאָלצקייט טייט.
דער שווערער קריגער אין זײַן טריאומף־וועג,
נאָך טויזנט זיג ווערט איינמאָל אָפּגעשטעלט,
דאַן ווערט פֿון כבוד־בוך גלײַך אויסגעמעקט
אַלצדינג, פֿאַרוואָס עס האָט געקריגט דער העלד.
איז גוט, ווען כ׳ליב און ווער געליבט צוריק,
כ׳דערנידער ניט און פֿאַל ניט נידעריק.

26

האַר פֿון מײַן ליבע, וועמעס גרויסע גאָב
מײַן פֿליכט צו דיר אין קנעכטונג פֿעסט שמידט אײַן;
צו דיר געשריבן שליחות שיק איך אָפּ,
מײַן חוב זאָלסט זען און ניט די קלוגשאַפֿט מײַן.
די גרויסע פֿליכט, וואָס קלוגשאַפֿט, בלאָס אין מיר,
וועט מאַכן אויסזען הויל מיט מײַנע רייד, —
נאָר כ׳האָף, אַז גוטער דמיון וואָס אין דיר
וועט אין דײַן האַרץ שוין געבן עס אַ קלייד.
ביז יענער שטערן, וואָס מײַן גאַנג באַוואַכט,
באַווײַזט אויף מיר מיט חן און שיינעם בליק,
צירט אויס מײַן ליבע אָרימע מיט פראַכט,
צו ווײַזן אַז כ׳בין ווערט דײַן זיסן גליק.
ערשט דאַן מיט ליבע מײַנער כ׳קען זיך רימען, —
דערווײַל כ׳מײַד אָרט, וואו קאָנסט מײַן ווערט באַשטימען.

XXV

Let those who are in favour with their stars
Of public honour and proud titles boast,
Whilst I, whom fortune of such triumph bars,
Unlook'd for joy in that I honour most.
Great princes' favourites their fair leaves spread
But as the marigold at the sun's eye,
And in themselves their pride lies buried,
For at a frown they in their glory die.
The painful warrior famoused for fight,
After a thousand victories once foil'd,
Is from the book of honor razed quite,
And all the rest forgot for which he toil'd:
  Then happy I, that love and am beloved
  Where I may not remove nor be removed.

XXVI

Lord of my love, to whom in vassalage
Thy merit hath my duty strongly knit,
To thee I send this written embassage,
To witness duty, not to show my wit:
Duty so great, which wit so poor as mine
May make seem bare, in wanting words to show it,
But that I hope some good conceit of thine
In thy soul's thought, all naked, will bestow it;
Till whatsoever star that guides my moving
Points on me graciously with fair aspect
And puts apparel on my tatter'd loving,
To show me worthy of thy sweet respect:
  Then may I dare to boast how I do love thee;
  Till then not show my head where thou mayst
    prove me.

27

פֿון מי פֿאַרמאַטערט איַיל איך צו מײַן בעט
נאָך גוטער גלידער־רו פֿון וואַנדער מיד,
נאָר נײַער וואַנדער באַלד אין קאָפּ געשעט
פֿון מח מײַן, ווען גוף שוין אַרבעט ניט.
פֿון ווײַט, וואו כ׳בין, געדאַנקען מײַנע גרייטן
אויף ס׳נײַ צו דיר אַ טרײַען פּילגרים־וועג,
און מײַנע מידע אויגן וואַך זיך שפּרייטן
אין פֿינצטערניש — פֿאַר בלינדע נאָר אַנטפּלעקט.
איך זע דײַן שאָטן אין מײַן טונקל בילד
דורך זעאונג אויסגעשפּינט אין מײַן נשמה,
ווי ס׳הענגט בריליאַנט אין פֿינצטערניש צעשפּילט
און שטראַלט אויף נאַכט, מאַכט נײַ איר אַלטן פּנים.
אַזוי בײַטאָג מײַן גוף, בײַנאַכט מײַן זינען,
פֿאַר דיר, פֿאַר מיר, איך קען קײַן רו געפֿינען.

28

ווי קאָן איך גיין צוריק אין פֿריידיקײַט
ווען כ׳קען נישט זײַן דאָך פֿון דער רו באַגליקט ?
אַז טאָג־יאָך ווערט ניט פֿון דער נאַכט באַפֿרײַט,
ס׳ווערט טאָג דורך נאַכט און נאַכט דורך טאָג געדריקט.
און ביידע שונאים דאָך צום צווייטנס מאַכט, —
נאָר מיך צו פּלאָגן גייען האַנט אין האַנט ;
דער טאָג — דורך מי, דורך קלאָגן זיך — די נאַכט,
ווי מי נאָך מער צעשיידט אונדז נאָכאַנאַנד.
לויכסט העל, איך זאָג מיט לויבערײַ צום טאָג,
פֿול חן, — ווען וואָלקן הילט דעם הימל אײַן ;
איך חנפֿה אויך דער שוואַרצער נאַכט און זאָג,
אַז העל דו שײַנסט אָן העלן שטערן־שײַן.
נאָר טאָג ציט טעגלעך מײַנע טרויערס לענגער,
און נאַכט דריקט נאַכטלעך טרויער־שטאַרקײַט ענגער.

29

XXVII

Weary with toil, I haste me to my bed,
The dear repose for limbs with travel tired;
But then begins a journey in my head,
To work my mind, when body's work's expired:
For then my thoughts, from far where I abide,
Intend a zealous pilgrimage to thee,
And keep my drooping eyelids open wide,
Looking on darkness which the blind do see:
Save that my soul's imaginary sight
Presents thy shadow to my sightless view,
Which, like a jewel hung in ghastly night,
Makes black night beauteous and her old face new.
  Lo! thus, by day my limbs, by night my mind,
  For thee and for myself no quiet find.

XXVIII

How can I then return in happy plight,
That am debarr'd the benefit of rest?
When day's oppression is not eased by night,
But day by night, and night by day, oppress'd?
And each, though enemies to either's reign,
Do in consent shake hands to torture me;
The one by toil, the other to complain
How far I toil, still farther off from thee.
I tell the day, to please him thou art bright
And dost him grace when clouds do blot the heaven:
So flatter I the swart-complexion'd night,
When sparkling stars twire not thou gild'st the even.
  But day doth daily draw my sorrows longer
  And night doth nightly make grief's strength seem
    stronger.

29

פֿון מזל און אין מענטשנס אויג פֿאַרמיאוסט, —
אַליין אויף מײַן פֿאַרשטויסנקײַט איך וויין,
ס'שטערט טויבן הימל מײַן געשריי אומזיסט,
כ'שעלט גורל מײַן, ווען כ'קוק אויף זיך אַליין.
כ'וויל זײַן ווי איינער רײַך אין האָפֿנונגען,
פֿאַרמירט ווי דער — ווי דער מיט פֿרײַנט באַגלייט.
כ'וויל דעם מאַנס קונסט, און יענעם מאַנס פֿאַרנעם,
וואָס מיך אַמיינסט געפֿעלט — פֿאַרגייט אָן פֿרייד.
כ'פֿאַראַכט באַלד אין געדאַנק מײַן אייגן ווערט,
נאָר פֿלוצים כ'טראַכט פֿון דיר — און כ'ווער פֿול קלאַנג
ווי לאַרק, וואָס זינגט באַגין פֿון גרויער ערד
צו הימל-טויערן זײַן הימן-געזאַנג.
דערמאָנונג פֿון דײַן ליבע רײַך מיך מאַכט,
כ'וואָלט דאָן ניט בײַטן זיך מיט קעניג-פּראַכט.

30

ווען כ'רוף אין זיסער שטילקײַט פֿון געדאַנק
זכרונות מײַנע פֿון פֿאַרגאַנגענהײַט,
און זיפֿץ אויף ניט דערגרייכטס אין מײַן פֿאַרלאַנג,
מײַן אַלט געוויין נײַ קלאָגט אויף שווענד פֿון צײַט:
כ'קאָן אויג דערטרינקען — ניט געוואוינט צום שטראָם —
פֿאַר ליבע פֿרײַנט אין טויטס געהיימער נאַכט;
אַלט קלאָג אויף ליבשאַפֿט-טרויער הויב איך אָן,
מיך באַנגט דער קאָסט פֿון ערבדיקער פּראַכט:
כ'קאָן טרויערן אויף אַלטן טרויערס לעכץ,
שווער ברענגען פּיין דורך פּיינען לאַנג פֿאַרבײַ,
דעם פּרײַז פֿון יעדן אויסגעקרעכצטן קרעכץ
וואָס כ'האָב געצאָלט, נאָר וואָס איך צאָל אויף ס'נײַ.
דאָך ווען געדאַנק פֿון דיר, מײַן פֿרײַנט, נאָר קלערט, —
די שאָדנס ווערן גאַנץ, קײַן טרויער מער.

XXIX

When, in disgrace with fortune and men's eyes,
I all alone beweep my outcast state
And trouble deaf heaven with my bootless cries
And look upon myself and curse my fate,
Wishing me like to one more rich in hope,
Featured like him, like him with friends possess'd,
Desiring this man's art and that man's scope,
With what I most enjoy contented least;
Yet in these thoughts myself almost despising,
Haply I think on thee, and then my state,
Like to the lark at break of day arising
From sullen earth, sings hymns at heaven's gate;
  For thy sweet love remember'd such wealth brings
  That then I scorn to change my state with kings.

XXX

When to the sessions of sweet silent thought
I summon up remembrance of things past,
I sigh the lack of many a thing I sought,
And with old woes new wail my dear time's waste:
Then can I drown an eye, unused to flow,
For precious friends hid in death's dateless night,
And weep afresh love's long since cancell'd woe,
And moan the expense of many a vanish'd sight:
Then can I grieve at grievances foregone,
And heavily from woe to woe tell o'er
The sad account of fore-bemoaned moan,
Which I new pay as if not paid before.
  But if the while I think on thee, dear friend,
  All losses are restored and sorrows end.

31

דײַן ברוסט איז ליב מיט אַלע הערצער העל,
וואָס ווײַט פֿון מיר — כ'האָב טויט זיי שוין באַטראַכט,
ס'הערשט ליבע דאָרט, ליב יעדע ליבשאַפֿט־צעל,
און פֿרײַנט — נישט טויטע ווי מיך האָט געדאַכט.
פֿיל טרערן ס'האָט געגנבעט פֿרומע ליבע
פֿון אויג מײַנס, ווי אַ צינז פֿאַר מענטשנס טויט,
וואָס דאַכט זיך ערגעץ־וואו פֿאַרשטעלט געבליבן,
נאָר ליגן אין דײַן האַרצן אָנגעטרויט.
ביסט קבר וואו מײַן ליבשאַפֿט לעבט באַוואַכט
מיט פֿיל געליב פֿון מײַנע אַלטע ליבערס
וואָס זייער טייל צו מיר — איז דיר געבראַכט,
און פֿראַכט געגרייט פֿאַר פֿיל, צו דיר גייט איבער;
יעד ליב געשטאַלט פֿון זיי איך זע אין דײַן,
זיי אַלע — דו, האָסט אַל די אַלצקײַט מײַן.

32

אויב דו מײַן פֿול־געלעבטן טאָג לעבסט איבער,
ווען גראָבער טויט מײַן גוף מיט שטויב פֿאַרקליידט,
און דו דורך צופֿאַל אין מײַן ליד קוקסט ווידער
אויף פֿראָסטע שורות פֿון דײַן פֿרײַנט, וואָס טויט.
מיט בעסערונג פֿון צײַט פֿאַרגלײַך זיי דאַן,
כאָטש יעדנס פען די שורות שטײַגט אַריבער —
דו היט מײַן ליבשאַפֿט אָפּ, נישט קונסט פֿון גראַם,
מיט וואָס זיי יאָגן שטאָלץ מיר אין די לידער.
אָ, וואָלסט כאָטש איין געדאַנק פֿאַר מיר געטראַכט:
„ווען ס'וואָלט פֿרײַנטס מוזע זײַן דורך צײַט צעבליט —
וואָלט ליבשאַפֿט זײַן מער שיין געבורט געבראַכט,
ווי גיין אין ריי פֿון מער געפּוצטע טריט;
נאָר זינט זײַן טויט אים שטײַגן דיכטער איבער —
אין זיי איך זוך דעם סטיל, אין אים — זײַן ליבע!"

XXXI

Thy bosom is endeared with all hearts,
Which I by lacking have supposed dead,
And there reigns love and all love's loving parts,
And all those friends which I thought buried.
How many a holy and obsequious tear
Hath dear religious love stol'n from mine eye
As interest of the dead, which now appear
But things removed that hidden in thee lie!
Thou art the grave where buried love doth live,
Hung with the trophies of my lovers gone,
Who all their parts of me to thee did give;
That due of many now is thine alone:
  Their images I loved I view in thee,
  And thou, all they, hast all the all of me.

XXXII

If thou survive my well-contented day,
When that churl Death my bones with dust shall cover,
And shalt by fortune once more re-survey
These poor rude lines of thy deceased lover,
Compare them with the bettering of the time,
And though they be outstripp'd by every pen,
Reserve them for my love, not for their rhyme,
Exceeded by the height of happier men.
O, then vouchsafe me but this loving thought:
'Had my friend's Muse grown with this growing age,
A dearer birth than this his love had brought,
To march in ranks of better equipage:
  But since he died and poets better prove,
  Theirs for their style I'll read, his for his love.'

33

איך האָב געזען פּיל פּראַכטיקע באַגינענס,
מיט זייער שטאָלצן בליק אויף בערג צעשפּילט,
מיט גאָלד־געזיכט באַקושן פּעלדער גרינע,
מיט גאָטס אַלכעמיע בלאַסן שטראָם באַגילדט;
אָט לאָזט באַגין אויף הייליק פּנים רייַטן
דעם בייזן וואָלקן זייַן געווילד־גאַלאָפּ,
פאַררוקט זיך פון פאַרלאָזטער וועלט אַלץ ווייַטער,
אין מערב־זייַט פאַרשעמט געזיכט קערט אָפּ.
אַזוי באַשייַנט האָט איין באַגין מייַן שטערן,
מיך מיט אַלזיגערישער מאַכט באַהעלט;
נאָר אויס, איין שעה געקענט מיר בלויז געהערן,
אַרום האָט וואָלקן אים פון מיר פאַרשטעלט.
דאָך ווערט מייַן ליבשאַפט ניט פון אים פאַרשרונקען,
ווען ס'טונקלט הימל־זון, מעג וועלט־זון טונקלען.

34

פאַרוואָס האָסט שיינעם טאָג מיר צוגעזאָגט
און מיך אָן מאַנטל וואַנדערן געשיקט,
אַז כ'זאָל פון בייזע וואָלקנס זייַן געיאָגט,
אין פוילן רויך דייַן בראַווקייַט הילנדיק.
ס'איז ניט גענוג מייַן וואָלקן זאָלסט פאַריאָגן,
פון רעגן טריקענען מייַן האַרטן פּנים,
ס'וועט קיינער־נישט גוט־וואָרט דייַן היילונג זאָגן,
וואָס היילט בלויז וואונד, נאָר ניט די שאַנד־סימנים;
דייַן איצט זיך שעמען — העלפט מייַן ווייטיק ניט,
טראָץ דייַן חרטה — כ'בין פאַרלירער דאָך;
באַליידיגערס באַדויער גאָרנישט גיט
באַליידיקטן, וואָס טראָגט פון שאַנד דעם יאָך.
נאָר ליבעס פּערל־טרערן קויפן אויס
מיט זייער רייַכקייַט דייַן פאַרברעכן גרויס.

XXXIII

Full many a glorious morning have I seen
Flatter the mountain-tops with sovereign eye,
Kissing with golden face the meadows green,
Gilding pale streams with heavenly alchemy;
Anon permit the basest clouds to ride
With ugly rack on his celestial face,
And from the forlorn world his visage hide,
Stealing unseen to west with this disgrace:
Even so my sun one early morn did shine
With all-triumphant splendour on my brow;
But out, alack! he was but one hour mine;
The region cloud hath mask'd him from me now.
Yet him for this my love no whit disdaineth;
Suns of the world may stain when heaven's sun
staineth.

XXXIV

Why didst thou promise such a beauteous day
And make me travel forth without my cloak,
To let base clouds o'ertake me in my way,
Hiding thy bravery in their rotten smoke?
'Tis not enough that through the cloud thou break,
To dry the rain on my storm-beaten face,
For no man well of such a salve can speak
That heals the wound and cures not the disgrace:
Nor can thy shame give physic to my grief;
Though thou repent, yet I have still the loss:
The offender's sorrow lends but weak relief
To him that bears the strong offence's cross.
Ah! but those tears are pearl which thy love sheds,
And they are rich and ransom all ill deeds.

35

די זאַך וואָס אָפּגעטאָן — באַדויער ניט,
אויך זילבער־קוואַל האָט קויט, ס'האָט דערנער רויז;
דער זון־לבנה, — וואָלקן־שוואַרץ פֿאַרציט,
פֿון זיסטער קווייט קריכט וואָרים מיאוס אַרויס.
ס'האָט יעדער מענטש דאָך פֿעלערן, אויך איך —
כ'פֿאַרגיב דאָך דורך פֿאַרגלײַך עבירה דײַן,
ווען כ'וואַש דיך ריין פֿון זינד, כ'מאַך שולדיק זיך, —
כ'פֿאַרגיב דיר מער ווי דו קענסט שולדיק זײַן;
ווײַל פֿאַר דײַן זינליכקײַט כ'געפֿין דאָך זין,
דײַן אָנקלאָגער פֿון שולד פֿאַרטיידיקט דיר,
און קעגן זיך אַליין באַווײַז כ'געפֿין,
ס'פֿירט ליבע, האָס אַ בירגער־קריג אין מיר,
אַז אין דײַן זינד נאָר העלף איך דיר אַרויס,
דו ליבער גנב, וואָס בייז רויבסט מיך אויס.

36

כ'גיב צו, מיר צוויי אין צווייען מוזן זײַן,
כאָטש אומצעשיידט איז אונדזער ליבע, — איין,
און אַלע פֿלעקן וואָס פֿאַרבלײַבן מײַן,
זיי מוז איך טראָגן, אָן דײַן הילף, אַליין.
אין ביידנס ליבע איין מאָטיוו בלויז וואַכט,
כאָטש ס'לעבט אין אונדז פֿאַרדראָס פֿון דעם צעשייד,
וואָס, כאָטש ער בײַט ניט ליבעס גאָרער מאַכט,
דאָך רויבט ער שעהן צו פֿון ליבע־פֿרייד.
כ'וועל קיינמאָל דיך ניט אָנערקענען פֿריי,
ווײַל מײַן באַווייִנטע שולד דיך פֿלעקט דאָך אויס,
ניט זיי מיט אָפֿענעם געלויב מיר טרײַ,
מיר ברענג דעם כבוד פֿון דײַן נאָמען בלויז.
נישט טו דאָס, אַזוי גרויס איז ליבע מײַן,
ביסט מײַנס, איז מײַנס אויך גוטער נאָמען דײַן.

XXXV

No more be grieved at that which thou hast done:
Roses have thorns, and silver fountains mud;
Clouds and eclipses stain both moon and sun,
And loathsome canker lives in sweetest bud,
All men make faults, and even I in this,
Authorizing thy trespass with compare,
Myself corrupting, salving thy amiss,
Excusing thy sins more than thy sins are;
For to thy sensual fault I bring in sense—
Thy adverse party is thy advocate—
And 'gainst myself a lawful plea commence:
Such civil war is in my love and hate
  That I am an accessary needs must be
  To that sweet thief which sourly robs from me.

XXXVI

Let me confess that we two must be twain,
Although our undivided loves are one:
So shall those blots that do with me remain
Without thy help by me be borne alone.
In our two loves there is but one respect,
Though in our lives a separable spite,
Which though it alter not love's sole effect,
Yet doth it steal sweet hours from love's delight.
I may not evermore acknowledge thee,
Lest my bewailed guilt should do thee shame,
Nor thou with public kindness honour me,
Unless thou take that honour from thy name:
  But do not so; I love thee in such sort
  As, thou being mine, mine is thy good report.

37

ווי אָפּגעשוואַכטן פּאַטער פרייט צו זען
צעשטיפּטן קינד, וואָס יוגנט־טואונג טוט,
אויך איך — געליימט פון מזלס טראָץ און קלעם, —
שעפּ פון דײַן ווערט און אמת טרייסט און מוט.
געבורט צי שיינקייט, רײַכקייט צי פאַרשטאַנד
צי איינס פון זיי צי אַלע אָדער מער,
וואָס זיי געקרוינט, לאָזסט זיצן בײַ דײַן ראַנד, —
כ׳בינד אויך צום אוצר צו מײַן ליב־באַגער.
כ׳בין מער נישט אָרים דאַן, פאַראַכט, געליימט,
ווען אָט דער שאָטן אַזאַ עצם וועבט,
כ׳וועל אין דײַן שפע שוין גענוג באַלוינט
און אין אַ טייל פון גאָר דײַן פּראַכט איך לעב.
זע, וואָס ס׳איז בעסט, דאָס בעסטע ווינטש איך דיר,
דעם וואונטש איך האָב, דאַן צענמאָל גליק האָב איך.

38

ווי קאָן מײַן מוזע פעלן אײַנפאַל נײַער,
ווען דו אין ליד מײַנס הויכסט אַרײַן דעם ציר
פון זיסן אינהאַלט דײַן, וואָס צופיל טײַער
אויף ס׳נײַ צו ברענגען גאָר אויף פּראָסט פאַפּיר.
אָ, דאַנק בלויז זיך אַליין, אויב ווערט צו בלײַבן
איז עפּעס מײַנס, און אין דײַן בליק צו לעבן;
ווײַל ווער איז טעמפּ אַזוי און קאָן ניט שרײַבן
צו דיר, וואָס אײַנפאַל־שײַן האָסט אים געגעבן.
זײַ צענטע מוזע דו, צענמאָל די גרויס
פון יענע נײַן געריטמט פון גראַמער־לײַט;
זאָל ברענגען יענער, וואָס דיך רופט אַרויס,
אַן אייביקערע צאָל, ווי לאַנגע צײַט.
האָט חן מײַן מוזע־קליין אין שטרענגע טעג,
איז מײַנס דער פּײַן, — כ׳גיב דיר דעם לויב אַוועק.

XXXVII

As a decrepit father takes delight
To see his active child do deeds of youth,
So I, made lame by fortune's dearest spite,
Take all my comfort of thy worth and truth.
For whether beauty, birth, or wealth, or wit,
Or any of these all, or all, or more,
Entitled in thy parts do crowned sit,
I make my love engrafted to this store:
So then I am not lame, poor, nor despised,
Whilst that this shadow doth such such substance give
That I in thy abundance am sufficed
And by a part of all thy glory live.
  Look, what is best, that best I wish in thee:
  This wish I have; then ten times happy me!

XXXVIII

How can my Muse want subject to invent,
While thou dost breathe, that pour'st into my verse
Thine own sweet argument, too excellent
For every vulgar paper to rehearse?
O, give thyself the thanks, if aught in me
Worthy perusal stand against thy sight;
For who's so dumb that cannot write to thee,
When thou thyself dost give invention light?
Be thou the tenth Muse, ten times more in worth
Than those old nine which rhymers invocate;
And he that calls on thee, let him bring forth
Eternal numbers to outlive long date.
  If my slight Muse do please these curious days,
  The pain be mine, but thine shall be the praise.

39

ווי קאָן איך שיין באַזינגען גאָר דײַן גרויס,
אַז דו ביסט בעסטער טייל פֿון מיר אַליין.
פֿון לויב צו זיך, וואָס קומט דען מיר אַרויס
און וואָס איז דען נישט מײַן, ווען כ׳לויב דיר שוין ? —
טאָ זאָלן מיר דערפֿאַר זײַן אָפּגעשיידט,
זאָל אונדזער ליבשאַפֿט מער ניט הייסן פּאָר,
אַז דורך צעשיידקײַט זאָל איך פֿרײַערהייט
דיר געבן ערשט וואָס דו פֿאַרדינסט אויף וואָר;
צעטיילטקײַט, וואָלסט אַ פּײַן געווען, ווען ס׳גיט
ניט האַרבע פֿרײַקײַט זיס דערלויבעניש
די צײַט אין ליבע־קלער זאָל זײַן צעגליט,
וואָס צײַט און קלער געגנאַרט דאָך אַזוי זיס,
און לערנסט ניט ווי צוויי פֿון איינס באַשטייט,
דורך דאָ אים לויבן, ווען אין ווײַט ער גייט.

40

נעם אַלע ליבעס, ליב מײַנס, אַלע נעם זיי,
ווי פֿריער האָסט געהאַט — האָסט מער איצט דען ?
קײַן ליבעס, ליב מײַנס, וואָס טרײַ רופֿן קענסט זיי,
נאָך פֿאַר דעם מער — מײַן אַלץ שוין דײַנס געווען.
אויב פֿאַר מײַן ליבע דו מײַן ליבע קריגסט,
איז ניט דײַן שולד, וואָס דו נוצט ליבע־גאָב,
נאָר שולדיק ביסט, ווען זיך אַליין באַטריגסט, —
ווען דו פֿאַזוכסט, וואָס דו אַליין שטויסט אָפּ.
כ׳פֿאַרגיב דיר פֿאַר דײַן רויב, דו צאַרטער גנב,
כאָטש גאָר מײַן האָב און גוטס דו רויבסט אַוועק;
דאָך ליבע ווייס, ס׳איז מערער פּײַן פֿאַראַנען
אין ליבע־שלעכטס, ווי וואונד פֿון האַס דערוועקט.
דו, תאווה־רייץ, וואו שלעכטס אין חנען שײַנט, —
מיט טראָץ מיך טויט, נאָר לאָמיר נישט זײַן פֿײַנט.

XXXIX

O, how thy worth with manners may I sing,
When thou art all the better part of me?
What can mine own praise to mine own self bring?
And what is't but mine own when I praise thee?
Even for this let us divided live,
And our dear love lose name of single one,
That by this separation I may give
That due to thee which thou deservest alone.
O absence, what a torment wouldst thou prove,
Were it not thy sour leisure gave sweet leave
To entertain the time with thoughts of love,
Which time and thoughts so sweetly doth deceive,
  And that thou teachest how to make one twain,
  By praising him here who doth hence remain!

XL

Take all my loves, my love, yea, take them all;
What hast thou then more than thou hadst before?
No love, my love, that thou mayst true love call;
All mine was thine before thou hadst this more.
Then if for my love thou my love receivest,
I cannot blame thee for my love thou usest;
But yet be blamed, if thou thyself deceivest
By wilful taste of what thyself refusest.
I do forgive thy robbery, gentle thief,
Although thou steal thee all my poverty;
And yet, love knows, it is a greater grief
To bear love's wrong than hate's known injury.
  Lascivious grace, in whom an ill well shows,
  Kill me with spites; yet we must not be foes.

41

די היבשע זינד, וואָס פֿרײַהײַט טוט באַגיין,
ווען ס'טרעפֿט אַמאָל איך בין פֿון האַרץ דײַנס ווײַט,
דײַן שיינקײַט, עלטער, קליידן אַזוי שיין,
ווײַל ס'גייט דיר נאָך אַ גלוסטונג בײַ דײַן זײַט.
ביסט ליב, דערפֿאַר באַדאַרפֿסט געוואונען ווערן,
ביסט שיין, דערפֿאַר באַפֿאַלן ווערסטו דאָך;
ווען פֿרוי וויל מאַן, קאָן זון אַ פֿרויס זיך ווערן
און זי פֿאַרלאָזן ביז ער גיט איר נאָך?
אָ, ווײ, מיך מײַדן דאַרפֿסט און שטראָפֿן זיך
אויף פּראַכט דײַנס און אויף יוגנט בײַם פֿאַרגיין:
אין יענע רעשן זייערע זיי פֿירן דיך,
וואו טרײַשאַפֿטס צוויי צעברעכן מוזסט אַליין.
ברעכסט אירס — דורך שיינקײַט דײַנס זי גלוסט נאָך דיר,
ברעכסט דײַנס — דורך שיינקײַט דײַנס ביסט פֿאַלש צו מיר.

42

ס'איז ניט מײַן גאַנצער ווײ, וואָס דו האָסט איר,
כאָטש אמת, זי איז טײַער מיר געווען,
ס'איז הויפּט־קלאָג מײַנער דאָך, וואָס זי האָט דיר,
דער ליבע־אָנווער, וואָס ס'גיט נאָנט אַ קלעם;
איר, ליבע־ברעכער, מײַן פֿאַרגעבונג קריגט:
דו האָסט זי ליב, ווײַל זי איז ליבע מײַן,
זי האָט דאָך צוליב מיר גענאַרט מײַן גליק,
זי זאָל פֿאַר מיר מײַן פֿרײַנט געפֿעלן זײַן.
פֿאַרליר איך דיך — מײַן ליב דערפֿון געווינט,
פֿאַרליר איך איר — איז פֿרײַנט געווינער דאָך,
איך — צוויי פֿאַרליר, איר — ביידע זיך געפֿינט,
פֿאַר מיר איר ביידע שווערער מאַכט מײַן יאָך.
איז גוט, ס'איז איינער דאָך — מײַן פֿרײַנט און איך;
זיס־חניפֿה־וואָרט! האָט זי דאָך ליב בלויז מיך.

XLI

Those pretty wrongs that liberty commits,
When I am sometime absent from thy heart,
Thy beauty and thy years full well befits,
For still temptation follows where thou art.
Gentle thou art and therefore to be won,
Beauteous thou art, therefore to be assailed;
And when a woman woos, what woman's son
Will sourly leave her till she have prevailed?
Ay me! but yet thou mightst my seat forbear,
And chide thy beauty and thy straying youth,
Who lead thee in their riot even there
Where thou art forced to break a twofold truth,
  Hers, by thy beauty tempting her to thee,
  Thine, by thy beauty being false to me.

XLII

That thou hast her, it is not all my grief,
And yet it may be said I loved her dearly;
That she hath thee, is of my wailing chief,
A loss in love that touches me more nearly.
Loving offenders, thus I will excuse ye:
Thou dost love her, because thou know'st I love her;
And for my sake even so doth she abuse me,
Suffering my friend for my sake to approve her.
If I lose thee, my loss is my love's gain,
And losing her, my friend hath found that loss;
Both find each other, and I lose both twain,
And both for my sake lay on me this cross:
  But here's the joy; my friend and I are one;
  Sweet flattery! then she loves but me alone.

43

ווען ס׳איז פֿאַרמאַכט, זעט בעסט מײַן אויג אין מיר,
דורך טאָג ווערט בליק אויף נישטיקס בלויז פֿאַרשווענדט;
נאָר ווען איך שלאָף — אין טרוים אויג קוקט אויף דיר,
אויג — טונקל־העל, צעהעלט אין נאַכט געווענדט.
דו, וועמעס שאָטן ליכט צו שאָטנס גיט,
ווי וואָלט דײַן שאָטנס פֿורעם פֿורמען שײַן
צום העלן טאָג, מיט ליכט דײַנס מער צעגליט,
ווען ס׳העלט צום אויג פֿאַרמאַכט העל שאָטן דײַן!
און כ׳זאָג, ווי וואָלט מײַן אויג געבענטשט געווען
דיך זען אין לעבעדיקן טאָג העל־ריין,
אַז כ׳קאָן אין טויט־נאַכט דײַן העל שאָטן זען,
דורך שווערן שלאָף, דורך אויג־בלינד זען דיך שטיין?
טעג זײַנען נעכט צו זען, ביז איך זע דיר,
נעכט — העלע טעג ווען טרוים דיך ברענגט צו מיר.

44

וואָלט טעמפּער שטאָף פֿון גוף מײַנס זײַן געדאַנק,
וואָלט שווערסטע ווײַט מײַן וועג ניט אָפּגעשטעלט,
ווײַל כ׳וואָלט דערגרייכט דאָך, טראָץ די שטרעקעס לאַנג,
פֿון עקן וועלט דעם פּלאַץ, וואו ס׳איז דײַן צעלט.
אַפֿילו אַז מײַן פֿוס זאָל אומגיין דאָן
ווײַט אָפּגעטיילט פֿון דיר אויף ווײַטסטער ערד;
געדאַנק פֿלינק שפּרינגט אַריבער ערד און ים,
ווען ער צו זײַן נאָר ערגעץ־וואו באַגערט.
אָך, ס׳טייט געדאַנק מיך, וואָס געדאַנק כ׳בין נישט,
צו שפּרינגען מײַלן־שטרעק, ווען דו ביסט ווײַט,
נאָר כ׳בין בלויז וואַסער פֿול מיט ערד־געמיש
און אויף געוויין פֿאַרנוצן כ׳מוז מײַן צײַט.
די שטאָפֿן שווער — מיר גאָרנישט גיבן זיי,
חוץ שווערע טרער, באַווײַז פֿאַר ביידנס ווײ.

XLIII

When most I wink, then do mine eyes best see,
For all the day they view things unrespected;
But when I sleep, in dreams they look on thee,
And darkly bright are bright in dark directed.
Then thou, whose shadow shadows doth make bright,
How would thy shadow's form form happy show
To the clear day with thy much clearer light,
When to unseeing eyes thy shade shines so!
How would, I say, mine eyes be blessed made
By looking on thee in the living day,
When in dead night thy fair imperfect shade
Through heavy sleep on sightless eyes doth stay!
  All days are nights to see till I see thee,
  And night bright days when dreams do show
    thee me.

XLIV

If the dull substance of my flesh were thought,
Injurious distance should not stop my way;
For then despite of space I would be brought,
From limits far remote, where thou dost stay.
No matter then although my foot did stand
Upon the farthest earth removed from thee;
For nimble thought can jump both sea and land
As soon as think the place where he would be.
But, ah! thought kills me that I am not thought,
To leap large lengths of miles when thou art gone,
But that so much of earth and water wrought
I must attend time's leisure with my moan,
  Receiving nought by elements so slow
  But heavy tears, badges of either's woe.

45

די אַנדערע צווײ: לופֿט לײַכטע, רײנער פֿײַער,
זײ בײדע — נאָר מיט דיר, וואו כ׳זאָל נישט זײַן;
פֿאַראַן־נישטאָ — לײַכט פֿליען זײ געטרײַע,
ס׳איז אײנס געדאַנק, דער צווײטער בענקשאַפֿט מײַן.
ווען ס׳לויפֿן שנעלסטע שטאָפֿן די אין וועג
צו דיר מיט ליבע־שליחות אָנגעטרויט,
מײַן לעבן, וואָס פֿון שטאָפֿן פֿיר באַוועגט,
מיט צווײ אַלײן ווערט טרויעריק ביז טויט.
ביז ס׳לעבן הײלט זיך, שטעלט זיך ווידער אײַן
דורך פֿלינקע שליחים אומגעקערט פֿון דיר
מיט גוטן גרוס, וואָס מאַכט מיך זיכער זײַן,
ווען זײ פֿון דײַן געזונט דערצײלן מיר.
ס׳ווערט גוט פֿון גרוס, נאָר פֿרײד מײַנס לעשט זיך באַלד,
כ׳שיק ווידער זײ און טרויער מיך באַפֿאַלט.

46

מײַן אויג און האַרץ — מלחמה פֿירן ווילד,
צו וועם געווינס פֿון אָנבליק דײַנס געהערט;
פֿאַרווערט וואָלט אויג מײַן האַרץ צו זען דײַן בילד,
מײַן האַרץ וואָלט אויך דאָס רעכט דעם אויג פֿאַרווערט.
זאָגט האַרץ, אַז אין זײַן טיף ליגט דײַן געשטאַלט, —
אַ שראַנק, וואו אויג־קרישטאָל דרינגט נישט אַרײַן; —
באַשולדיקטער די טענה לײקנט באַלד
און זאָגט, אין אים דאָך ליגט דער אויסזען דײַן;
דערגײן ווער ס׳איז גערעכט: ווערט אויסדערווײלט
געדאַנקען־ראָט פֿון האַרץ־באַוואוינער בלויז;
ס׳האָט זײער משפּט ריכטיק אײַנגעטײלט,
וואָס קלאָרן אויג, וואָס ליבן האַרץ עס קומט.
צום אויג — די דרויסן־טײל פֿון דײַן געשטאַלט,
צום האַרץ: דײַן ליבשאַפֿט טיף אין דיר, וואָס שטראַלט.

XLV

The other two, slight air and purging fire,
Are both with thee, wherever I abide;
The first my thought, the other my desire,
These present-absent with swift motion slide.
For when these quicker elements are gone
In tender embassy of love to thee,
My life, being made of four, with two alone
Sinks down to death, oppress'd with melancholy;
Until life's composition be recured
By those swift messengers return'd from thee,
Who even but now come back again, assured
Of thy fair health, recounting it to me:
  This told, I joy; but then no longer glad,
  I send them back again and straight grow sad.

XLVI

Mine eye and heart are at a mortal war
How to divide the conquest of thy sight;
Mine eye my heart thy picture's sight would bar,
My heart mine eye the freedom of that right.
My heart doth plead that thou in him dost lie,—
A closet never pierced with crystal eyes—
But the defendant doth that plea deny
And says in him thy fair appearance lies.
To 'cide this title is impanneled
A quest of thoughts, all tenants to the heart,
And by their verdict is determined
The clear eye's moiety and the dear heart's part:
  As thus; mine eye's due is thy outward part,
  And my heart's right thy inward love of heart.

47

אַ בונד גייט צווישן אויג און האַרץ מײַנס אָן,
און איינס צום צווייטן איצט מיט גוטס באַגליקט,
ווען ס׳גאַרט מײַן אויג אויף דיר אַ קוק צו טאָן,
צי האַרץ אין ליבע־זיפֿץ אַליין זיך שטיקט,
מיט ליבן בילד מײַן אויג זיך דעמאָלט פֿרייט
און צו געמאָלטער פֿראַכט מײַן האַרץ לאַדט אײַן;
אַמאָל צו גאַסט אויך אויג צום האַרצן גייט,
אין ליבע־טראַכטונגען דאָרט בײַ־צו־זײַן.
אַליין אַוועק, דאָך אַלץ מיט מיר דו שטייסט.
איז סײַ דורך בילד דײַנס, צי דורך ליבשאַפֿט מײַנער —
ניט ווײַטער פֿון געדאַנקען מײַנע גייסט,
כ׳בין אַלץ מיט זיי און זיי מיט דיר דאָך זײַנען.
און שלאָפֿן זיי — דײַן בילד וואָס פֿאַר מיר שטייט
וועקט אויף מײַן האַרץ צו האַרץ און אויגן־פֿרייד.

48

ווי פֿאַרזיכטיק איך האָב, פֿאַר אָפּשייד־מײַן,
פֿאַרצאַמט אין טרייסטן צאַם די קלענסטע זאַך
אַז פֿאַר מײַן נוץ זאָל אַלץ גענוצט ניט זײַן
פֿון פֿאַלשע הענט — נאָר בלײַבן טרײַ באַוואַכט!
נאָר דו, וואָס גאָר מײַן האָב איז שטויב פֿאַר דיר,
דו, פֿול מיט טרייסט, ביסט גרעסטער טרויער מײַן;
דו בעסט פֿון טײַערסט, איינציק זאָרג פֿאַר מיר,
אַ רויב פֿון פֿרעכסטן גנבֿ קאָנסט דאָך זײַן!
איך האָלט דיך ניט אין קײַן שום שראַנק פֿאַרמאַכט,
חוץ דאָרט וואו ביסט נישט, כאָטש דאָרט פֿיל איך דיר,
אין צאַרטן קאַמער פֿון מײַן האַרץ באַוואַכט,
וואו פֿרײַ קאָנסט קומען און אַוועק פֿון מיר;
מיך שרעקט, אַז אויך פֿון דאָרט דיך רויבט מען צו,
אויך טרײַשאַפֿט גנבֿעט אַזאַ רויב ווי דו.

XLVII

Betwixt mine eye and heart a league is took,
And each doth good turns now unto the other:
When that mine eye is famish'd for a look,
Or heart in love with sighs himself doth smother,
With my love's picture then my eye doth feast
And to the painted banquet bids my heart;
Another time mine eye is my heart's guest
And in his thoughts of love doth share a part:
So, either by thy picture or my love,
Thyself away art present still with me;
For thou not farther than my thoughts canst move,
And I am still with them and they with thee;
  Or, if they sleep, thy picture in my sight
  Awakes my heart to heart's and eye's delight.

XLVIII

How careful was I, when I took my way,
Each trifle under truest bars to thrust,
That to my use it might unused stay
From hands of falsehood, in sure wards of trust!
But thou, to whom my jewels trifles are,
Most worthy comfort, now my greatest grief,
Thou, best of dearest and mine only care,
Art left the prey of every vulgar thief.
Thee have I not lock'd up in any chest,
Save where thou art not, though I feel thou art,
Within the gentle closure of my breast,
From whence at pleasure thou mayst come and part;
  And even thence thou wilt be stol'n, I fear,
  For truth proves thievish for a prize so dear.

49

פֿאַר יענער צײַט, אויב ס׳קומט די צײַט אַמאָל,
ווען כ׳זע דיר בייז אויף פֿעלערן אין מיר,
ווען ליבע דײַן פֿאַרנוצט האָט לעצטע צאָל
און ס׳רופֿט דײַן שׂכל צו אַ חשבון איר.
פֿאַר יענער צײַט, ווען דו גייסט פֿרעמד פֿאַרבײַ,
און אָט די זון — דײַן אויג — באַגריסט מיך קוים,
ווען ליבע ווי אַמאָל שוין מער ניט נײַ,
געפֿינט בלויז סיבות פֿאַר איר שווערן צוים.
פֿאַר יענער צײַט — אָט דאָ באַהאַלט איך מיך,
טיף אין מײַן וויסן, אַז איך בין עס ווערט,
און אייגן האַנט איצט הייב איך קעגן זיך,
גערעכטקײַט שיצן, וואָס צו דיר געהערט.
ס׳איז לויט געזעץ דײַן איבערלאָזן מיר,
ווײַל כ׳האָב ניט גרונט צו זײַן געליבט פֿון דיר.

50

ווי שווער אַזוי דאָס וואַנדערן מיר גייט,
ווען סוף פֿון מידן וועג, וואָס כ׳זוך אים הײַנט,
מײַן רו און לײַכטקײַט לערנט אָט די רייד:
„ווי ווײַט די מײַלן מעסטן זיך צום פֿרײַנט!״
פֿון וויי מײַנס מיד איז חיה, וואָס מיך טראָגט,
גייט טעמפּ, קוים שלעפּט די משׂא וואָס אין מיר,
די בריאה פֿילט, ווי ס׳וואָלט איר חוש געזאָגט:
איר רײַטער וויל ניט שנעלקײַט — ווײַט פֿון דיר.
מײַן שפּאָר אין בלוט, און ס׳אַרט מיך שוין ניט מער,
וואָס דורך מײַן כּעס אַמאָל איר לײַב טיף שנײַדט;
ווען חיה ענטפֿערט אָפּ מיט קרעכץ מיר שווער,
שנײַדט שאַרפֿער מיר אַליין, ווי אין איר זײַט!
ווײַל פֿון דער חיהס קרעכץ מײַן האַרץ פֿאַרשטייט:
פֿאָראויס גייט טרויער, הינטער מיר — מײַן פֿרייד.

XLIX

Against that time, if ever that time come,
When I shall see thee frown on my defects,
When as thy love hath cast his utmost sum,
Call'd to that audit by advised respects;
Against that time when thou shalt strangely pass
And scarcely greet me with that sun, thine eye,
When love, converted from the thing it was,
Shall reasons find of settled gravity,—
Against that time do I ensconce me here
Within the knowledge of mine own desert,
And this my hand against myself uprear,
To guard the lawful reasons on thy part:
  To leave poor me thou hast the strength of laws,
  Since why to love I can allege no cause.

L

How heavy do I journey on the way,
When what I seek, my weary travel's end,
Doth teach that ease and that repose to say
'Thus far the miles are measured from thy friend!'
The beast that bears me, tired with my woe,
Plods dully on, to bear that weight in me,
As if by some instinct the wretch did know
His rider loved not speed, being made from thee:
The bloody spur cannot provoke him on
That sometimes anger thrusts into his hide;
Which heavily he answers with a groan,
More sharp to me than spurring to his side;
  For that same groan doth put this in my mind;
  My grief lies onward and my joy behind.

51

מײַן ליבע קאָן אויך מיד פֿאַרברעך פֿאַרשטײן
פֿון טעמפּן טרעגער מײַן, װען כ׳אײַל פֿון דיר:
פֿון װאו דו ביסט, װאָס זאָל איך שנעלער גײן?
ביז כ׳קער זיך אום, קײן שנעלקײַט נוצט נישט מיר.
װאָס ענטפֿערט בריאה אָרימע מיר דאַן,
װען שנעלסטע שנעל זעט אויס פּאַמעלעך מיר?
כ׳נוץ שפּאָר מײַנס, כאָטש איך רײַט אויף װינט־געשפּאַן,
אין פֿליגל־שנעלקײַט פֿילט מען נישט קײן ריר;
מיט מײַן פֿאַרלאַנג קײן פֿערד פֿאַרמעסט זיך ניט,
דאָך קאָן פֿאַרלאַנג, פֿון ליבשאַפֿט פֿול באַגערט —
נישט טעמפּע פֿלײש — אויך הירזשען װען ער פֿליט,
נאָר ליבשאַפֿט, זיך צוליב, פֿאַרגיט דעם פֿערד.
װי ס׳איז פֿון דיר זײַן גײן געװוען דאָך לאַנג,
צו דיר איך פֿלי, כ׳לאָז פֿערד זײַן פֿרײַען גאַנג.

52

כ׳בין װי דער גביר, װאָס גליקלעך שליסל קאָן
אים ברענגען צום פֿאַרמאַכטן אוצר זײַנעם,
װאָס ער װעט דאָך נישט קומען אָפֿט צו זען,
נישט אָפּצוטעמפּן שאַרף פֿון מאָדנעם תענוג!
דערפֿאַר איז יום־טוב װיכטיק־נײַ אַזוי,
יום־טובים — זעלטן־װען אין יאָר צעשטעלט,
װי צירונג־שטײנער — אָפּגעשײדט אין רײַ,
און אויפֿן האַלדז־באַנד — שענסטע בלויז צעהעלט!
אויך צײַט דיך האַלט, װי שראַנק מײַנס דיך באַװאַכט,
װי קלײדער־אַלמער — נײַע קלײד באַהאַלט, —
זי זוכט אַ גנאַד־מינוט פֿון גנאַד דערװאַכט,
װען זי אַנטפּלעקט באַװאַכטן שטאָלץ צעשטראַלט.
דו ביסט געבענטשט, װאָס װערט דײַנס רוים שפּרײט אויס
פֿאַר זיג אויב האָסט; אויב ניט — פֿאַר האָפֿן בלויז.

LI

Thus can my love excuse the slow offence
Of my dull bearer when from thee I speed:
From where thou art why should I haste me thence?
Till I return, of posting is no need.
O, what excuse will my poor beast then find,
When swift extremity can seem but slow?
Then should I spur, though mounted on the wind;
In winged speed no motion shall I know:
Then can no horse with my desire keep pace;
Therefore desire, of perfect'st love being made,
Shall neigh—no dull flesh—in his fiery race;
But love, for love, thus shall excuse my jade;
  Since from thee going he went wilful-slow,
  Towards thee I'll run, and give him leave to go.

LII

So am I as the rich, whose blessed key
Can bring him to his sweet up-locked treasure,
The which he will not every hour survey,
For blunting the fine point of seldom pleasure.
Therefore are feasts so solemn and so rare,
Since, seldom coming, in the long year set,
Like stones of worth they thinly-placed are,
Or captain jewels in the carcanet.
So is the time that keeps you as my chest,
Or as the wardrobe which the robe doth hide,
To make some special instant special blest,
By new unfolding his imprison'd pride.
  Blessed are you, whose worthiness gives scope,
  Being had, to triumph, being lack'd, to hope.

53

וואָס איז דער שטאָף פֿון וואָס דו ביסט געקנאָטן,
אַז טויזנט פֿרעמדע שאָטנס האָסטו טרײַע ?
ס'האָט יעדער איינער, יעדער בלויז זײַן שאָטן,
נאָר דו אַליין קאָנסט יעדן שאָטנס לײַען.
אָדאָניס־בילד וועט פֿאַלש אָן דיר דערמאָנען,
ס'איז אַלץ פֿון דיר בלויז אָרעם אימיטירט ;
די שיינקײַט־קונסט שפּילט אויף העלענעס פּנים,
און דו אין גריכן־ציר ביסט נײַ קאָלירט.
זאָג פֿרילינג־פֿרייד, זאָג יאָרס געבענטשטע שניט, —
ס'ווײַזט איינער — שאָטן פֿון דײַן שיינקײַט בלויז,
ס'ווײַזט צווייטער — דײַן ברייטהאַרציקײַט צעבליט,
נאָר דו — אין אַלע פֿאָרמען שטראַלסט אַרויס.
אין יעדן דרויסן־טייל דײַן חן קומט צו,
און דו, ווי קיינס, און קיינס איז טרײַ ווי דו !

54

אָ, וויפֿל שענער נאָך איז שיינקײַט־פּראַכט
דורך יענער ליבער ציר, וואָס אמת גיט ?
רויז קוקט אויס שיין, נאָר שענער אונדז זיך דאַכט
פֿאַר יענעם ליבן דופֿט, וואָס אין איר גליט.
אויך קאַנסער־בלום מיט טיפֿע פֿאַרבן בליקט
ווי דופֿטיקער עסענץ פֿון שיינער רויז,
הענגט אויך אויף דערנער, און שפּילט גלוסטנדיק,
ווען זומער־הויך פֿאַרבאָרגטן בליט אַנטבלויזט.
דאָך נאָר פֿאַר זייער צניעות שפּילן זיי,
אָן צערטלונג לעבן זיי, אָן רום באַוואַכט ;
שטיל שטאַרבן ; זיסע רויז איז נישט אַזוי,
פֿון זיסן טויט ווערט זיסטער דופֿט געמאַכט.
אויך דו אַזוי, דו יונג און שענסטער מײַן,
אין וועלק־צײַט — וועסט געקלאָרט אין ליד מײַנס זײַן.

LIII

What is your substance, whereof are you made,
That millions of strange shadows on you tend?
Since every one hath, every one, one shade,
And you, but one, can every shadow lend.
Describe Adonis, and the counterfeit
Is poorly imitated after you;
On Helen's cheek all art of beauty set,
And you in Grecian tires are painted new:
Speak of the spring and foison of the year;
The one doth shadow of your beauty show,
The other as your bounty doth appear;
And you in every blessed shape we know.
  In all external grace you have some part,
  But you like none, none you, for constant heart.

LIV

O, how much more doth beauty beauteous seem
By that sweet ornament which truth doth give!
The rose looks fair, but fairer we it deem
For that sweet odour which doth in it live.
The canker-blooms have full as deep a dye
As the perfumed tincture of the roses,
Hang on such thorns and play as wantonly
When summer's breath their masked buds discloses:
But, for their virtue only is their show,
They live unwoo'd and unrespected fade,
Die to themselves. Sweet roses do not so;
Of their sweet deaths are sweetest odours made:
  And so of you, beauteous and lovely youth,
  When that shall fade, my verse distills your truth.

55

ניט מאַרמאָר, ניט באַגילדטער מאָנומענט
פֿון פּרינץ, לעבט לענגער ווי דאָס מעכטיק ליד,
נאָר דו אין אים וועסט שײַנען מער צעבלענדט,
ווי שטויבער שטיין, וואָס שטויבע צײַט פֿאַרשיט.
וועןווילדער קריג סטאַטוע־פּראַכט פֿאַרלענדט,
און מי־געבײַען וואָרצלט אויס, צעשטערט, —
ניט שווערד פֿון מאַרס, ניט קריגס־פֿלאַם דאָך פֿאַרברענט
דײַן לעבעדיקן אָנדענק אויף דער ערד.
דורך טויט און שנאה־גלײַכגילט וועסט פֿאָראויס
אַדורכגיין, און דײַן ווערט אַן אָרט זיך בויט,
און העלט זיך אויף אין צוקונפֿט־אויג אַרויס,
וואָס נוצט די וועלט אויס ביז צום אומקום־טויט.
אויך דו — לעבסט ביז צום יום־הדין זיך שטעלסט,
אין ליד לעבסט און אין ליבסטנס אויגן העלסט.

56

באַנײַ דײַן קראַפֿט, אָ, ליבע. ס'זאָל ניט זײַן
אַז שאַרף דײַנס טעמפּער איז פֿון אַפּעטיט,
וואָס הײַנט דאָ שטילט מען אים מיט עסן אײַן,
נאָר מאָרגן — מיט מער קראַפֿט זײַן שאַרפֿקײַט גליט.
אַזוי זײַ, ליבע, כאָטש פֿילסט אָן איין טאָג
דײַן גיריק אויג ביז ס'ווערט פֿון זעט פֿאַרמאַכט,
און מאָרגן, זע אויף ס'נײַ, און ניט דערשלאָג
דעם ליבשאַפֿט־גײַסט דורך טעמפּקײַט פֿון געדאַכט.
זאָל גרויע צווישן־צײַט זײַן ווי דער ים,
וואָס ברעגן טיילט, וואו נײַ־פֿאַרקנסטע צוויי
צום ים־ברעג קומען טעגלעך זען די ראַם
פֿון ליבע־אומקער וואָס גיט מער דערפֿריי.
צי רוף עס ווינטער, פֿול מיט זאָרג און קעלטן, —
ווערט זומערס גריסונג דרײַ מאָל ליב און זעלטן.

LV

Not marble, nor the gilded monuments
Of princes, shall outlive this powerful rhyme;
But you shall shine more bright in these contents
Than unswept stone besmear'd with sluttish time.
When wasteful war shall statues overturn,
And broils root out the work of masonry,
Nor Mars his sword nor war's quick fire shall burn
The living record of your memory.
'Gainst death and all-oblivious enmity
Shall you pace forth; your praise shall still find room
Even in the eyes of all posterity
That wear this world out to the ending doom.
So, till the judgement that yourself arise,
You live in this, and dwell in lovers' eyes.

LVI

Sweet love, renew thy force; be it not said
Thy edge should blunter be than appetite,
Which but to-day by feeding is allay'd,
To-morrow sharpen'd in his former might:
So, love, be thou; although to-day thou fill
Thy hungry eyes even till they wink with fullness,
To-morrow see again, and do not kill
The spirit of love with a perpetual dullness.
Let this sad interim like the ocean be
Which parts the shore, where two contracted new
Come daily to the banks, that, when they see
Return of love, more blest may be the view;
Else call it winter, which being full of care
Makes summer's welcome thrice more wish'd, more rare.

57

דײַן שקלאַף, וואָס זאָל איך טאָן חוץ דינען דיר
אין יעדער שעה און צײַט פֿון דײַן באַגער? —
ס'איז גאָר נישטאָ קײַן טײַער צײַט בײַ מיר
פֿאַר עפּעס טאָן, ביז דײַן פֿאַרלאַנג איך הער.
און כ'וואָג ניט שעלטן וועלט מיט שעה אָן סוף
ווען איך, מײַן אייגן האַר, אויף זייגער־שלאָג
קוק אויס דיר, און כ'נעם שיידונג ניט ווי שטראָף,
ווען דו דײַן דינער האָסט „אַדיע" געזאָגט.
און כ'וואָג ניט מיט מײַן אויפֿערזיכט־געדאַנק
צו פֿרעגן וואו דו ביסט, וואָס איצט דו טראַכסט?
ווי טריבער שקלאַף איך וואַרט, טראַכט איין פֿאַרלאַנג:
וואו נאָר דו ביסט, ווי פֿריילעך זיי דו מאַכסט.
ס'איז ליבע אַזאַ טרײַער נאַר; קאָנסט טאָן
איר אַלדאָס בייז, זי נעמט פֿאַר גוט עס אָן.

58

זאָל גאָט, וואָס מאַכט מיר שקלאַף דײַנס, היטן מיר
פֿון צאַמען אין געדאַנק דײַן צײַט פֿאַר פֿרייד,
פֿון ציילן יעדע שעה און טראָט פֿון דיר, —
דײַן שקלאַף, אויף דיר צו וואַרטן כ'מוז זײַן גרייט!
אָ, לאָז מיר לײַדן, — ביז ס'קומט וואונק פֿון דיר, —
ווען ס'האָט דײַן ווײַטע פֿרײַהײַט מיר פֿאַרשפּאַרט.
כ'שטיי אַלצדינג אויס, איך צאַם דאָס בייז אין מיר,
און מאַך ניט שולדיק דיך: טוסט ווײ, ביסט האַרט!
זײַ ווי דו ווילסט, דײַן רעכט איז אומגעשטערט,
קאָנסט שטענדיק מיט דײַן צײַט זיך פֿרײַ באַגיין;
מעגסט אַלצדינג טאָן, צו דיר דאָס רעכט געהערט
פֿאַרגעבן זיך פֿאַרברעך וואָס טוסט אַליין.
כ'מוז וואַרטן, כאָטש ס'איז וואַרטן גיהינום־לייד,
צי גוט, צי שלעכט — כ'באַשולדיק ניט דײַן פֿרייד.

LVII

Being your slave, what should I do but tend
Upon the hours and times of your desire?
I have no precious time at all to spend,
Nor services to do, till you require.
Nor dare I chide the world-without-end hour
Whilst I, my sovereign, watch the clock for you,
Nor think the bitterness of absence sour
When you have bid your servant once adieu;
Nor dare I question with my jealous thought
Where you may be, or your affairs suppose,
But, like a sad slave, stay and think of nought
Save, where you are how happy you make those.
  So true a fool is love that in your will,
  Though you do any thing, he thinks no ill.

LVIII

That god forbid that made me first your slave,
I should in thought control your times of pleasure,
Or at your hand the account of hours to crave,
Being your vassal, bound to stay your leisure!
O, let me suffer, being at your back
The imprison'd absence of your liberty;
And patience, tame to sufferance, bide each check,
Without accusing you of injury.
Be where you list, your charter is so strong
That you yourself may privilege your time
To what you will; to you it doth belong
Yourself to pardon of self-doing crime.
  I am to wait, though waiting so be hell;
  Not blame your pleasure, be it ill or well.

59

אויב ס׳איז ניטאָ קיין נייס, און דאָס וואָס איז
איז שוין געווען, — ווערט אונדזער מח דאָך
גענאַרט, וואָס נייקייט זוכט און טראָגט אומזיסט,
פון שוין געבוירן קינד דעם צווייטן יאָך !
אָ, וואָלט די שריפט, — וואָס דעם אַמאָל באַהאַלט
אַפילו נאָך פינף הונדערט זונען־רונדן, —
אין אַלטן בוך מיר וויַזן דיַין געשטאַלט,
וויַיל פריער האָט זיך גייַסט אין שריפט געצונדן, —
כ׳זאָל זען, וואָס אַלטע וועלט זאָגט וועגן דיר,
אויף דעם געשאַפן וואונדער פון דיַין ראַם,
צי בעסערע עס זיַינען זיי, צי מיר, —
צי בייַט זיך אַלצדינג איצט אַזוי ווי דאַן.
אָ, כ׳ווייס, ס׳האָט חכם פון גאָר אַלטן טאָג
אַן ערגערן מאָדעל מער לויב געזאָגט.

60

ווי ס׳ציען כוואַליעס זיך צום שטיינער־ברעג,
מינוטן אונדזערע צום סוף זיך יאָגן ;
ס׳בייַט יעדע אָרט מיט די וואָס שוין אַוועק,
מיט מי און שטרייַט פאָראויס זיך שטענדיק טראָגן.
געבורט, איינמאָל אין העלסטער ליכטיקייַט,
דערשטייַגט ביז רייַפקייַט, ווערט דערפון באַהעלט,
נאָר קרומער חשך מיט זיַין גלאָריע שטרייַט,
און צייַט וואָס האָט באַשענקט, איצט אַלץ פאַרשטעלט.
צייַט שטעכט די פראַכט דורך נאָך אין יונגן שפור
און גראָבט אויס קאַרבן אויף דער שיינקייַטס שטערן,
זיך נערט אויף זעלטנקייַט פון דער נאַטור, —
און אַלץ פאַר קאָסע וואַרט, פאַרצערט צו ווערן.
דאָך בלייַבט מיַין ליד אין צוקונפט שטאַם פאַרשטאַמט,
און לויבט דיַין ווערט, כאָטש ס׳פאַלט צייַטס בייזע האַנט.

LIX

If there be nothing new, but that which is
Hath been before, how are our brains beguiled,
Which, labouring for invention, bear amiss
The second burthen of a former child!
O, that record could with a backward look,
Even of five hundred courses of the sun,
Show me your image in some antique book,
Since mind at first in character was done!
That I might see what the old world could say
To this composed wonder of your frame;
Whether we are mended, or whether better they,
Or whether revolution be the same.
  O, sure I am, the wits of former days
  To subjects worse have given admiring praise.

LX

Like as the waves make towards the pebbled shore,
So do our minutes hasten to their end;
Each changing place with that which goes before,
In sequent toil all forwards do contend.
Nativity, once in the main of light,
Crawls to maturity, wherewith being crown'd,
Crooked eclipses 'gainst his glory fight,
And Time that gave doth now his gift confound.
Time doth transfix the flourish set on youth
And delves the parallels in beauty's brow,
Feeds on the rarities of nature's truth,
And nothing stands but for his scythe to mow:
  And yet to times in hope my verse shall stand,
  Praising thy worth, despite his cruel hand.

61

באַפֿעלסט ס'זאָל אָפּן האַלטן דײַן געשטאַלט
די וויעס שווערע מיר אין מידער נאַכט?
באַגערסט ס'זאָל שלאָף מײַנס זײַן צעשטערט דורך גוואַלד,
ווען שאָטן, דיר צוגלײַך, פֿון מיר בייז לאַכט?
איז דאָס דײַן גײַסט, וואָס דו שיקסט אָפּ פֿון זיך
ווײַט פֿון דער היים אויף נאָכצושפּירן שטיל
מײַן זינד, אין וואָס מײַן צײַט אומזיסט צעקריכט,
פֿון אײַפֿערזוכט די סיבה און דער ציל?
ניין, ליבשאַפֿט דײַן איז פֿאָרט ניט אַזוי גרויס:
דאָס איז מײַן ליבשאַפֿט וואָס מײַן אויג צעוועקט,
מײַן טרײַע ליבשאַפֿט וואָס מײַן רו פֿאַרשטויסט,
צו שפּילן פֿאַר דיר וואַכמאַן נעכט און טעג:
כ'וואַך דאָ פֿאַר דיר, ווען דו וואַכסט ערגעץ ווײַט
פֿון מיר, מיט אַנדערע אין נאָענטקײַט.

62

די אייגן־ליבע זינד מײַן אויג געווינט,
אויך גאָר מײַן זעל, און גאָר פֿון יעדן גליד;
און פֿאַר דער זינד קײַן היילונג זיך געפֿינט,
טיף אײַנגעגראָבן אין מײַן האַרץ זי גליט.
מיר דאַכט ס'איז קײַן געזיכט ווי מײַנער שיין,
קײַן שטאַלטונג — טרײַ אַזוי און אמתדיק,
מײַן אייגן ווערט כ'דערקלער פֿאַר זיך אַליין,
און אַל דעם ווערט פֿון אַלע איך באַזיג.
נאָר ווען איך זע אין שפּיגל טאַקע זיך,
צעשלאָגן און צעהאַקט דורך עלטער־יאָך, —
מײַן אייגן־ליבע אַנדערש לייען איך,
ס'איז ליבן אַזאַ איך פֿאַרברעכן דאָך.
דו ביסט מײַן איך, פֿאַר וועמען לויב איך טראָג,
מײַן עלטער כ'מאָל מיט שיינקײַט פֿון דײַן טאָג.

LXI

Is it thy will thy image should keep open
My heavy eyelids to the weary night?
Dost thou desire my slumbers should be broken,
While shadows like to thee do mock my sight?
Is it thy spirit that thou send'st from thee
So far from home into my deeds to pry,
To find out shames and idle hours in me,
The scope and tenour of thy jealousy?
O, no! thy love, though much, is not so great:
It is my love that keeps mine eye awake;
Mine own true love that doth my rest defeat,
To play the watchman ever for thy sake:
For thee watch I whilst thou dost wake elsewhere,
From me far off, with others all too near.

LXII

Sin of self-love possesseth all mine eye
And all my soul and all my every part;
And for this sin there is no remedy,
It is so grounded inward in my heart.
Methinks no face so gracious is as mine,
No shape so true, no truth of such account;
And for myself mine own worth do define,
As I all other in all worths surmount.
But when my glass shows me myself indeed,
Beaten and chopp'd with tann'd antiquity,
Mine own self-love quite contrary I read;
Self so self-loving were iniquity.
'Tis thee, myself, that for myself I praise,
Painting my age with beauty of thy days.

63

ווען ס'וועט ווי איך אַצינד זײַן ליבסטער מײַן,
צײַטס בייזע האַנט פֿאַרנוצט אים און צעטרעט,
דורך שעהן אויסגעזויגט זײַן בלוט וועט זײַן,
מיט קנייטשן פֿול זײַן שטערן ; און עס וועט
שוין זײַן באַגין צו עלטערס נאַכט אַוועק ;
די פּראַכטן, וואָס ער האָט באַהערשט אַזוי,
פֿאַרשווינדן, צי פֿאַרשוואונדן שוין פֿון וועג,
און אוצר פֿון זײַן פּרילינג גנבען זיי ;
פֿאַר יענער צײַט באַשיץ איך מײַן פֿאַרלאַנג,
אַז עלטערס בייזער מעסער, אויסגעשטרעקט,
זאָל דאָך ניט אויסשנײַדן פֿון וועלטס געדאַנק
מײַן ליבנס פּראַכט דורך ליבנס יונגע טעג ;
זאָל אין די שורות שוואַרץ זײַן פּראַכט אַרײַן,
אין זייער לעבן וועט ער גרין אויך זײַן.

64

ווען כ'זע רײַך-שטאָלצן ווערט פֿון אַלטע וועלטן
צעשטערט, פֿאַרלענדט דורך בייזער האַנט פֿון צײַט ;
ווען כ'זע פֿאַרשניטן טורעמס הויך-געשטעלטע,
ווי מעש דינט מענטשן-האַס אויף אייביקײַט ;
ווען כ'זע פֿאַר מיר, ווי הונגעריקער ים
געווינט אַנטקעגן קעניגרײַך פֿון ברעג,
די פֿעסטע ערד צאַמט שטראָמען אין איר צאַם,
פֿלוס—מערט פֿאַרלוסט, פֿאַרלוסט—מערט וואַסער-שטרעק :
ווען כ'האָב געזען דעם צושטאַנד-בײַט פֿון צײַט,
צעשטערטער צושטאַנד דורך צעמיש און שרעק,
האָט מיר צעשטער געלערנט דעם באַדײַט :
ס'קומט צײַט און נעמט מײַן ליבסטן מיר אַוועק ;
ס'איז דער געדאַנק אָן ברירה ווי אַ טויט :
ער וויינט נאָך דעם, וואָס ס'שרעקט אים, אַז ס'פֿאַרגייט.

LXIII

Against my love shall be, as I am now,
With Time's injurious hand crush'd and o'erworn;
When hours have drain'd his blood and fill'd his brow
With lines and wrinkles; when his youthful morn
Hath travell'd on to age's steepy night,
And all those beauties whereof now he's king
Are vanishing or vanish'd out of sight,
Stealing away the treasure of his spring;
For such a time do I now fortify
Against confounding age's cruel knife,
That he shall never cut from memory
My sweet love's beauty, though my lover's life:
His beauty shall in these black lines be seen,
And they shall live, and he in them still green.

LXIV

When I have seen by Time's fell-hand defaced
The rich proud cost of outworn buried age;
When sometime lofty towers I see down-razed
And brass eternal slave to mortal rage;
When I have seen the hungry ocean gain
Advantage on the kingdom of the shore,
And the firm soil win of the watery main,
Increasing store with loss and loss with store;
When I have seen such interchange of state,
Or state itself confounded to decay;
Ruin hath taught me thus to ruminate,
That Time will come and take my love away.
This thought is as a death, which cannot choose
But weep to have that which it fears to lose.

65

ניט מעש, ניט שטיין, ניט ערד, ניט ים אָן ברעג,
די שווערע מאַכט פֿון שטערבלעכקײַט מײַדט אויס;
ווי וועט דען שיינקײַט בײַשטיין אַט דעם שרעק,
ווען ס'איז איר מאַכט ניט שטאַרקער פֿון אַ רויז? —
אָ, ווי זאָל בײַשטיין זומערס האָניק־הויך
באַלאַגערונג פֿון שלאָגנדיקע טעג, —
ווען פֿעסטע פֿעלדזן קאָנען עס נישט, אויך,
נישט טויער שטאָלענער — ווען צײַט פֿאַרמעקט?
ווי היט מען אויס — אָ, אימהקער געדאַנק —
צײַטס בעסטן ציר פֿון זײַן אין שראַנק פֿון צײַט?
קאָן צאַמען שטאַרקע האַנט צײַטס פֿלינקן גאַנג,
פֿאַרווערן דעם צעשטער פֿון פּראַכטיקײַט? —
אָ, קיינער, חוץ עס זאָל אַ נס געשען,
ס'זאָל דורך שוואַרץ טינט זיך העל מײַן ליבשאַפֿט זען.

66

שוין מיד פֿון אַלעם דעם — כ'רוף רו פֿון טויט,
ווען כ'זע — פֿאַרדינסט אַ בעטלער איז געבאָרן,
און גאָרע נישטיקײַט — פֿאַרפּוצט אין פֿרייד,
און ריינסטער גלויבן — ביטער־פֿאַלש געשוואָרן,
און ווירדע גילדיק — פֿאַלש פֿאַרשטעלט, פֿאַרשוועכט,
און מיידלשאַפֿט — ווערט גראָב אַזוי געשענדט,
און ריינע שלימות — ווערט געבראַנדט אָן רעכט,
און קראַפֿט — דורך וואַקל־גאַנגען ווערט געלעמט,
און קונסט — פֿאַרשטאַמלט ווערט דורך רויער מאַכט,
און שטות — ווי דאָקטער קענטעניש באַצווינגט,
און פּראָסטער אמת — ווערט פֿאַר פּראָסט פֿאַרלאַכט,
און גוטס, דער שקלאַף, דעם הערשער שלעכטס באַדינט:
שוין מיד פֿון אַלץ, כ'וואָלט לאָזן אַלץ און גיין,
נאָר שטאַרב איך — לאָז איך דאָך מײַן ליב אַליין.

LXV

Since brass, nor stone, nor earth, nor boundless sea,
But sad mortality o'er-sways their power,
How with this rage shall beauty hold a plea,
Whose action is no stronger than a flower?
O, how shall summer's honey breath hold out
Against the wreckful siege of battering days,
When rocks impregnable are not so stout,
Nor gates of steel so strong, but Time decays?
O fearful meditation! where, alack,
Shall Time's best jewel from Time's chest lie hid?
Or what strong hand can hold his swift foot back?
Or who his spoil of beauty can forbid?
  O, none, unless this miracle have might,
  That in black ink my love may still shine bright.

LXVI

Tired with all these, for restful death I cry,
As, to behold desert a beggar born,
And needy nothing trimm'd in jollity,
And purest faith unhappily forsworn,
And gilded honour shamefully misplaced,
And maiden virtue rudely strumpeted,
And right perfection wrongfully disgraced,
And strength by limping sway disabled,
And art made tongue-tied by authority,
And folly doctor-like controlling skill,
And simple truth miscall'd simplicity,
And captive good attending captain ill:
  Tired with all these, from these would I be gone,
  Save that, to die, I leave my love alone.

67

פֿאַרוואָס אין וועלט פֿון דאַרבונג זאָל ער לעבן,
באַשיינען אַל דאָס בייז מיט זיך אַליין,
אַז זינד — איר גרויסקייט דאָך פֿון אים געגעבן —
באַצירט מיט פֿריינטשאַפֿט זיינער זאָל נאָך גיין,
וואָס פֿון זיין באַק מאַכט נאָך אַ פֿאַלש געמעל,
פֿון פֿרישן שיין רויבט טויטע זעאונג אויס?
פֿאַרוואָס זוכט בלאַסע שיינקייט אום פֿאַרשטעלט
די שאָטן־רויזן, ווען ס'איז טריי זיין רויז?
וואָס לעבט ער איצט, ווען ס'איז נאַטור באַנקראָט,
צו בלוט־אָרעם ס'זאָל רויטלען אָדער־וועב?
חוץ אים קיין אַנדער אוצר דאָך זי האָט,
כאָטש שטאָלץ מיט פֿיל, בלויז מיט זיין זיג זי לעבט.
אים האַלט זי פֿאַר באַווייז, ווי ס'האָט געשיינט
איר פֿראַכט אַמאָל, נאָך פֿאַר דעם שלעכטן היינט.

68

זיין באַק איז מאַפּע פֿון פֿאַרנוצטע טעג,
ווען פֿראַכט געלעבט, געוועלקט — ווי בלום טוט היינט,
נאָך איידער ממזר־רייץ האָט זיך אַנטפּלעקט,
געוואַגט אויף פֿרישן שטערן זיין צעשיינט;
ווען ניט געשוירן האָט מען טויטנס צעפּ
די גאָלדענע — דעם קברס רעכט אויף דעם —
צווייט מאָל צו לעבן אויף די צווייטע קעפּ,
נאָך פֿאַר טויט וואָל איז וועמענס פּוץ געוועזן.
כ'זע שעהן נאָך אַלט־הייליקע אין אים,
אָן צירונג־שיינקייט, זיך אַליין געטריי,
ער זומערט זיך ניט אין אַ צווייטנס גרין,
ער רויבט נישט אַלטס צו צירן שיינקייט ניי.
און די נאַטור אים פֿאַר אַ מאַפּע האַלט;
זע, פֿאַלשע קונסט, ווי שיינקייט האָט געשטראַלט!

LXVII

Ah! wherefore with infection should he live,
And with his presence grace impiety,
That sin by him advantage should achieve
And lace itself with his society?
Why should false painting imitate his check
And steal dead seeing of his living hue?
Why should poor beauty indirectly seek
Roses of shadow, since his rose is true?
Why should he live, now Nature bankrupt is,
Beggar'd of blood to blush through lively veins?
For she hath no exchequer now but his,
And, proud of many, lives upon his gains.
  O, him she stores, to show what wealth she had
  In days long since, before these last so bad.

LXVIII

Thus in his cheek the map of days outworn,
When beauty lived and died as flowers do now,
Before these bastard signs of fair were born,
Or durst inhabit on a living brow;
Before the golden tresses of the dead,
The right of sepulchres, were shorn away,
To live a second life on second head;
Ere beauty's dead fleece made another gay:
In him those holy antique hours are seen,
Without all ornaments, itself and true,
Making no summer of another's green,
Robbing no old to dress his beauty new;
  And him as for a map doth Nature store,
  To show false Art what beauty was of yore,

69

די טײלן דײַנע, װאָס װעלטס אױג זײ זעט,
קײַן הילף פֿון האַרץ־געדאַנק פֿאַרלאַנגען ניט;
ס'ליובט יעדער צונג דיר, קול פֿון זעל דיך גלעט,
מען זאָגט דיר אמתן, אױך פֿײַנט לױבט מיט.
דײַן דרױסנקײַט — מיט דרױסן־לױב באַקרױנט,
נאָר זעלבע צינגער פֿול מיט לױבונגען
מיט װאָרט צעשטערן, װאָס ס'האָט לױב געמײנט,
דורך קוקן װײַטער װי דאָס אױג קאָן זען.
זײ קוקן אין דײַן שײנקײַט־גײַסט אַרײַן,
דערנאָך — די טאַטן דײַנע מעסטן אױס;
װי צאַרט ס'זאָל זײער בליק, געדאַנק נישט זײַן,
זײ גיבן װילד־גראָז־טעם דײַן שײנקײַט־רױז.
פֿאַרװאָס שטימט אױסזען דײַנס מיט ריח נישט,
ס'איז ערד אַזאַ, װאָס פּראָסט אין איר דו בליסט.

70

ס'איז ניט דײַן שולד, װאָס שולדיק װערסט געמאַכט,
רכילות־בײז אין שײנקײַט שטענדיק צילט,
די צירונג פֿון דער שײנקײַט איז פֿאַרדאַכט,
אַ ראָב אין הימלס זיסע לופֿט פֿאַרהילט.
און ביסטו גוט, רכילות גיט דאָן צו
נאָך מער צום װערט דײַנס, װאָס דער צײַט געפֿעלט;
װײַל פֿילונג־שלעכטס אין זיסטן בלום זוכט רו,
און דו װערסט רײן אָן פֿלעקן פֿאַרגעשטעלט.
ביסט דורך דעם לױער־הייל פֿון יונגע טעג
אַ נישט באַפֿאַלענער, צי רײַך מיט זיג,
דאָך דאָס דײַן לױב אַזױ דײַן לױב נישט װעקט,
צו האַלטן מער צעשאַרפֿט דעם קנאה־בליק:
װען פּראַכט דײַנס ניט פֿאַרשטעלט װאָלט זײַן פֿון חשד,
אױף װעלט מיט הערצער װאָלסטו מאַכט געהאַט!

LXIX

Those parts of thee that the world's eye doth view
Want nothing that the thought of hearts can mend;
All tongues, the voice of souls, give thee that due,
Uttering bare truth, even so as foes commend.
Thy outward thus with outward praise is crown'd;
But those same tongues that give thee so thine own
In other accents do this praise confound
By seeing farther than the eye hath shown.
They look into the beauty of thy mind,
And that, in guess, they measure by thy deeds;
Then, churls, their thoughts, although their eyes
were kind,
To thy fair flower add the rank smell of weeds:
But why thy odour matcheth not thy show,
The soil is this, that thou dost common grow.

LXX

That thou art blamed shall not be thy defect,
For slander's mark was ever yet the fair;
The ornament of beauty is suspect,
A crow that flies in heaven's sweetest air.
So thou be good, slander doth but approve
Thy worth the greater, being woo'd of time;
For canker vice the sweetest buds doth love,
And thou present'st a pure unstained prime.
Thou hast pass'd by the ambush of young days,
Either not assail'd or victor being charged;
Yet this thy praise cannot be so thy praise,
To tie up envy evermore enlarged:
If some suspect of ill mask'd not thy show,
Then thou alone kingdoms of hearts shouldst owe.

71

ווען איך וועל שטאַרבן קלאָג נאָך מיר ניט מער,
ווען שווערער טרויער־גלאָק פֿאַר וועלט הילכט אויס,
אַז כ׳בין אַוועק פֿון וועלט דער קויטיקער
צו ווערים קויטיקסטע אין קבר־שויס.
ניין, אויב די ווערטער זעסט, דעם שרײַבערס האַנט
פֿאַרגעס; כ׳בין גרייט פֿאַר גרויסער ליבשאַפֿט מײַן
צו ווערן אויסגעמעקט אין דײַן פֿאַרשטאַנד
אויב טראַכטן וועגן מיר פֿאַרשאַפֿט דיר פּײַן.
און כ׳זאָג, אויב דו אַמאָל מײַן פֿערז קוקסט אָן,
ווען כ׳וועל שוין אפֿשר זײַן צעמישט מיט ליים, —
איז בעסער שוין, מײַן נאָמען ניט דערמאָן,
דײַן ליבשאַפֿט פֿוילן זאָל מיט מײַן געביין;
ניט זען זאָל קלוגע וועלט דײַן פּײַן אין דיר,
און פֿון דיר לאַכן, נאָך מײַן טויט, דורך מיר.

72

ס׳זאָל וועלט ניט צווינגען דיך דערציילן איר
דאָס גוטס אין מיר, וואָס דו האָסט ליב באַגערט
אויך נאָך מײַן טויט — פֿאַרגעס, מײַן פֿרײַנט, אָן מיר,
ווײַל ניט באַווײַזן קאָנסט אין מיר מײַן ווערט;
חוץ גוטן ליגן פֿאַר מײַן נוץ דו ברענגסט,
און ווילסט מיר געבן מער, ווי מיר געהערט;
געשטאָרבן איך מײַנס דו מיט לויב באַהענגסט,
פֿיל מער ווי קמצן־וואָר וואָלט מיך באַערט:
אַז פֿאַלש ניט אויסזען זאָל געטרײַשאַפֿט דײַן,
וואָס צוליב ליבשאַפֿט זאָגסטו ניט די וואָר, —
זאָל נאָמען מײַן מיט גוף באַגראָבן זײַן,
וואָס לעבט אויף ברענגען ביידן חרפּה נאָר.
ווײַל מיט מײַן אויפֿטו שעם איך זיך אַליין,
אויך דו זיך שעם צו ליבן נישטיקס, קליין.

LXXI

No longer mourn for me when I am dead
Than you shall hear the surly sullen bell
Give warning to the world that I am fled
From this vile world, with vilest worms to dwell:
Nay, if you read this line, remember not
The hand that writ it; for I love you so
That I in your sweet thoughts would be forgot
If thinking on me then should make you woe.
O, if, I say, you look upon this verse
When I perhaps compounded am with clay,
Do not so much as my poor name rehearse,
But let your love even with my life decay,
  Lest the wise world should look into your moan
  And mock you with me after I am gone.

LXXII

O, lest the world should task you to recite
What merit lived in me, that you should love
After my death, dear love, forget me quite,
For you in me can nothing worthy prove;
Unless you would devise some virtuous lie,
To do more for me than mine own desert,
And hang more praise upon deceased I
Than niggard truth would willingly impart:
O, lest your true love may seem false in this,
That you for love speak well of me untrue,
My name be buried where my body is,
And live no more to shame nor me nor you.
  For I am shamed by that which I bring forth,
  And so should you, to love things nothing worth.

73

קאָנסט יענע צײַט פֿון יאָר איצט זען אין מיר,
מיט בלעטער געל, צי אָן; צי ס'הענגט אַ פּאָר
איף צװײַגן הויל מיט טרייסל פֿון געפֿריר,
וויסט אָרט פֿון לאַנג פֿאַרקלונגען פֿויגל־כאָר!
אין מיר זעסט צווישן־צײַט פֿון אַזאַ טאָג,
וואָס בלייכט נאָך זון־פֿאַרגאַנג אין מערב־וואו;
און שוואַרצע נאַכט אים באַלד מיט זיך פֿאַרטראָגט,
די נאַכט, טויטס צווילינג, וואָס שליסט אַלץ אין רו.
אין מיר דו זעסט געצאַנק פֿון פֿײַער שוין,
וואָס ליגט אויף אַש פֿון יוגנט שוין פֿאַרצערט,
ווי אויף אַ טויט־בעט, וואו ס'מוז באַלד פֿאַרגיין,
פֿאַרצערט דורך דעם, וואָס האָט עס דאָך גענערט.
זעסט דאָס, און שטאַרקסט דײַן ליבשאַפֿט אין דײַן ברוסט,
צו ליבן שטאַרק, וואָס באַלד פֿאַרלאָזן מוזסט.

74

צופֿרידן זײַ: ווען גרויליקער אַרעסט
אָן אויסקויף שלעפּט פֿון דאַנען מיך אַוועק,
דעם לוין פֿאַר לעבן מײַנס אין פֿערז מײַנס זעסט
וואָס בלײַבט אַן אָנדענק דיר פֿאַר דײַנע טעג.
קוקסט איבער דאָס, און קוקנדיק געפֿינסט
די טייל, וואָס ס'איז געהייליקט בלויז פֿאַר דיר, —
פֿאַר ערד קאָן ערד אַליין בלויז זײַן דער צינז;
מײַן גײַסט איז דײַן, דאָס בעסטע טייל אין מיר:
בלויז נישטיקס דאָך פֿאַרלאָרן פֿון דיר ווערט,
וואָס, נאָך מײַן טויט, די ווערים שלינגען אײַן,
פּחדנישער צעשטער פֿון אַכזרס שווערד,
צו נידעריק אין אָנדענק דײַנס צו זײַן.
וואָס עס פֿאַרמאָגט, דאָס איז פֿון דעם די ווערט,
און דאָס איז דאָס, וואָס ס'בלײַבט מיט דיר אויף דר'ערד.

LXXIII

That time of year thou mayst in me behold
When yellow leaves, or none, or few, do hang
Upon those boughs which shake against the cold,
Bare ruin'd choirs, where late the sweet birds sang.
In me thou see'st the twilight of such day
As after sunset fadeth in the west,
Which by and by black night doth take away,
Death's second self, that seals up all in rest.
In me thou see'st the glowing of such fire
That on the ashes of his youth doth lie,
As the death-bed whereon it must expire
Consumed with that which it was nourish'd by.
  This thou perceivest, which makes thy love more strong,
  To love that well which thou must leave ere long.

LXXIV

But be contented: when that fell arrest
Without all bail shall carry me away,
My life hath in this line some interest,
Which for memorial still with thee shall stay.
When thou reviewest this, thou dost review
The very part was consecrate to thee:
The earth can have but earth, which is his due;
My spirit is thine, the better part of me:
So then thou hast but lost the dregs of life,
The prey of worms, my body being dead,
The coward conquest of a wretch's knife,
Too base of thee to be remembered.
  The worth of that is that which it contains,
  And that is this, and this with thee remains.

75

ביסט פֿאַר מײַן זין, וואָס שפּײַז פֿאַר גוף באַדײַט,
צי זיסער רעגן, וואָס די ערד דערקוויקט,
און פֿאַר דײַן פֿרייד גייט אָן אין מיר אַ שטרײַט,
ווי קמצן מיט זײַן רײַכקײַט שטענדיק קריגט;
איצט, ווי געניסער שטאָלץ — באַלד צווייפֿלט שוין
אַז גנב־צײַט רויבט אוצר זײַנס אַוועק;
איצט גלויב איך, איז מיר גוט מיט דיר אַליין,
באַלד וויל איך — וועלט זאָל זען מײַן גליק אַנטפּלעקט;
אַמאָל — געזעטיקט בין איך מיט דײַן בליק,
און אָט — כ׳גיי אויס נאָך דײַנס אַ קוק אויף מיר,
איך האָב נישט, כ׳זוך נישט מער קײַן אַנדער גליק
חוץ דאָס וואָס קומט, צי נעמען כ׳מוז פֿון דיר.
אַזוי איך לײַד און טאָג נאָך טאָג זיך שטאָפּ,
אָט פֿרעס איך אַלץ, אָט גאָרנישט־ניט איך האָב.

76

פֿאַרוואָס איז לער פֿון נײַעם שטאָלץ מײַן ליד,
ווײַט פֿון פֿאַרשיידנקײַט, צי שנעלן בײַט?
פֿאַרוואָס ווי צײַט כ׳פֿאַרקוק זיך קיינמאָל ניט
אויף וועגן נײַ און מיש פֿון זעלטנקײַט?
פֿאַרוואָס נאָך אַלץ איך שרײַב אין איין געשטאַלט,
באַקאַנטער שטאָף דערפֿינדונג מײַנס באַקליידט,
אַז יעדער וואָרט מײַן נאָמען זאָגט אויס באַלד,
אויך דעם געבורט, אויך וואו דער אָנהויב גייט?
אָ, ווייס, זיס ליב, פֿון דיר נאָר שרײַב איך טרײַ,
און דו און ליבשאַפֿט — אַלץ מײַן וועק־געדאַנק;
איז גאָר מײַן בעסט אַלט וואָרט צו קליידן נײַ,
פֿאַרשווענדן ווידער, וואָס פֿאַרשווענדט פֿון לאַנג.
ווײַל ווי די זון נײַ־אַלט איז יעדן טאָג,
זאָגט אויך מײַן ליבע אַלץ, וואָס שוין געזאָגט.

LXXV

So are you to my thoughts as food to life,
Or as sweet-season'd showers are to the ground;
And for the peace of you I hold such strife
As 'twixt a miser and his wealth is found;
Now proud as an enjoyer and anon
Doubting the filching age will steal his treasure,
Now counting best to be with you alone,
Then better'd that the world may see my pleasure;
Sometime all full with feasting on your sight
And by and by clean starved for a look;
Possessing or pursuing no delight,
Save what is had or must from you be took.
  Thus do I pine and surfeit day by day,
  Or gluttoning on all, or all away.

LXXVI

Why is my verse so barren of new pride,
So far from variation or quick change?
Why with the time do I not glance aside
To new-found methods and to compounds strange?
Why write I still all one, ever the same,
And keep invention in a noted weed,
That every word doth almost tell my name,
Showing their birth and where they did proceed?
O, know, sweet love, I always write of you,
And you and love are still my argument;
So all my best is dressing old words new,
Spending again what is already spent:
  For as the sun is daily new and old,
  So is my love still telling what is told.

77

דאָס אָפּניץ פֿון דײַן פּראַכט דײַן שפּיגל ווײַזט,
ס'צײַגט ווײַזער — ווי דײַן גוטע צײַט פֿאַרפֿליט,
אויף בלאַנקע בלעטער — אָפּדרוק פֿון דײַן גײַסט,
פֿאַרזוכן לערנונג מעגסט, וואָס בוך דיר גיט.
די קנייטשן, וואָס דאָס גלאָז ברענגט טרײַ אַרויס,
דערמאָנען דיך פֿון קברים־פּרעס די צײַט;
דעם ווײַזערס סוד, פֿאַרשטאַנט, זאָגט דיר אויס
צײַטס גנביש גאַנג, פֿאַראויס צו אייביקײַט.
דו זע, וואָס דײַן זיכרון נישט פֿאַרהאַלט,
דאָס גיב צום בלאַנקן בלאַט און ס'וועט פֿון דעם
זײַן קינדער פֿון דײַן גײַסט גענערט, צעשטראַלט,
וואָס וועלן אין געדאַנק אויף ס'נײַ דיך זען.
די טואונגען וואָס מער דו קוקסט אַדורך,
אַלץ מער געווינסט, באַרײַכערסט מער דײַן בוך.

78

כ'האָב אָפּט דיר פֿאַר מײַן מוזע אויסדערוויילט
און אַזאַ הילף געפֿונען פֿאַר מײַן ליד
אַז יעדנס פען זיך מיט מײַן נוץ געטיילט
און זייער קונסט האָט זיך דורך דעם צעבליט.
דײַן בליק, וואָס שטומע זינגען האָט געמאַכט,
און שווערע פּראָסטקײַט — צום געפֿלי דערהויכט,
צו חכמהס פֿליגל פֿעדערן געבראַכט
און האָט פֿון חן פֿאַרטאָפּלט דאָס געלויכט;
זײַ שטאָלץ מיט דעם וואָס איך האָב אויפֿגעשטעלט,
ס'איז דײַנס, געבוירן נאָר פֿון דיר אַליין;
אין צווייטנס ווערק האָסט בלויז דעם סטיל באַהעלט,
ס'איז זייער קונסט באַחנט זיס מיט דײַן חן;
בײַ מיר ביסט גאָר מײַן קונסט; מאַכסט שטײַגן אויך
מײַן רויע פּראָסטקײַט ביז צו חכמה הויך.

LXXVII

Thy glass will show thee how thy beauties wear,
Thy dial how thy precious minutes waste;
The vacant leaves thy mind's imprint will bear,
And of this book this learning mayst thou taste.
The wrinkles which thy glass will truly show
Of mouthed graves will give thee memory;
Thou by thy dial's shady stealth mayst know
Time's thievish progress to eternity.
Look, what thy memory can not contain
Commit to these waste blanks, and thou shalt find
Those children nursed, deliver'd from thy brain,
To take a new acquaintance of thy mind.
These offices, so oft as thou wilt look,
Shall profit thee and much enrich thy book.

LXXVIII

So oft have I invoked thee for my Muse
And found such fair assistance in my verse
As every alien pen hath got my use
And under thee their poesy disperse.
Thine eyes that taught the dumb on high to sing
And heavy ignorance aloft to fly
Have added feathers to the learned's wing
And given grace a double majesty.
Yet be most proud of that which I compile,
Whose influence is thine and born of thee:
In others' works thou dost but mend the style,
And arts with thy sweet graces graced be;
But thou art all my art and dost advance
As high as learning my rude ignorance.

79

ווען כ'האָב אַליין פֿאַרלאַנגט דײַן הילף פֿון דיר,
מײַן ליד אַליין האָט גאָר דײַן חן געקלאָרט,
צעשטערט איז איצט מײַן שיינע זאַמלונג מיר,
מײַן קראַנקע מוזע צווייטן גיט מײַן אָרט.
כ'גיב צו, זיס־ליבשאַפֿט, אַז דײַן ליבער גײַסט
פֿאַרדינט אַ פּען מיט ווירדיקערער גאָב;
ווי שיין דײַן דיכטערס קראַפֿט דיך ניט באַווײַזט,
ער נעמט אַלץ דײַנס און צאָלט דיר ווידער אָפּ.
דײַן צניעות דיר ער לײַט, זײַן וואָרט ער רויבט
פֿון אויפֿפֿיר דײַנס; די פּראַכט, וואָס ער דיר גיט
געפֿינט ער אויף דײַן באַק... קײַן אַנדער לויב
האָט ער פֿאַר דיר, חוץ דאָס, וואָס אין דיר בליט.
דערפֿאַר באַדאַנק נישט, וואָס זײַן וואָרט דיך מאָלט,
ווײַל וואָס ער קומט דיר, האָסט אַליין באַצאָלט.

80

ווען כ'שרײַב פֿון דיר, אָ, ווי כ'ווער אָפּגעשוואַכט,
גײַסט בעסערער דײַן נאָמען נוצט, איך ווייס,
און אין דײַן לויב פֿאַרשווענדט ער גאָר זײַן מאַכט
מיך שטום צו מאַכן, ווען דײַן נאָמען כ'גרויס!
נאָר ווײַל ווי ברייט פֿון ים ס'איז גרויסקײַט דײַנע
וואָס טראָגט סײַ פּראָסטע אָדער שטאָלצע זעגל, —
מײַן פֿרעכע שיף, גאָר אָן דער ווערט פֿון זײַנער
דאָן אויף דײַן ברייט אים קומט מיט טראָץ אַנטקעגן.
דײַן מינדסטע הילף מיך היט פֿון זינקען טיף,
ווען ער אויף שטילער טיף שווימט אום אַזוי,
ווען כ'ווער צעשטערט, בין איך אַ ווערטלאָז שיף,
און ער — פֿון שטאָלצער הויך און שיין געבוי;
אויב ער גייט אויף און איך פֿאַרוואָרפֿן ווער,
איז ערגסטע: ס'ווערט מײַן ליבע מײַן צעשטער.

LXXIX

Whilst I alone did call upon thy aid,
My verse alone had all thy gentle grace,
But now my gracious numbers are decay'd
And my sick Muse doth give another place.
I grant, sweet love, thy lovely argument
Deserves the travail of a worthier pen,
Yet what of thee thy poet doth invent
He robs thee of and pays it thee again.
He lends thee virtue and he stole that word
From thy behaviour; beauty doth he give
And found it in thy cheek; he can afford
No praise to thee but what in thee doth live.
  Then thank him not for that which he doth say,
  Since what he owes thee thou thyself dost pay.

LXXX

O, how I faint when I of you do write,
Knowing a better spirit doth use your name,
And in the praise thereof spends all his might,
To make me tongue-tied, speaking of your fame!
But since your worth, wide as the ocean is,
The humble as the proudest sail doth bear,
My saucy bark inferior far to his
On your broad main doth wilfully appear.
Your shallowest help will hold me up afloat,
Whilst he upon your soundless deep doth ride;
Or, being wreck'd, I am a worthless boat,
He of tall building and of goodly pride:
  Then if he thrive and I be cast away,
  The worst was this; my love was my decay.

81

צי כ'וועל דײַן עפּיטאַף דערלעבן שרײַבן,
צי דו נאָך לעבסט, ווען איך שוין פֿויל אין דר'ערד, —
ס'קאָן טויט פֿון דאָ דײַן אָנדענק ניט פֿאַרטרײַבן,
כאָטש יעדע טייל מײַנס באַלד פֿאַרגעסן ווערט.
דײַן נאָמען פֿון איצט אָן וועט אייביק לעבן,
נאָר איך, ווען כ'גיי, מוז פֿאַר דער וועלט זײַן טויט;
די ערד — בלויז פּראָסטן קבר קאָן מיר געבן,
ווען דו אין מענטשנס אויג ביסט אײַנגעבויט;
מײַן צערטלעך ליד וועט זײַן דײַן מאָנומענט,
וואָס אויג נאָך ניט געבוירן, וועט עס זען,
ס'וועט רייד פֿון צינגער זײַן צו דיר געווענדט,
ווען טויט שוין אַלע, וואָס דאָ אָטעמען.
דו אַלץ וועסט לעבן — דאָס מײַן פען דערגרייכט —
אין מענטשנס מויל, וואו הויך אָטעמען — אַממערסטן הויכט.

82

כ'גיב צו, פֿאַרקנסט ביסט צו מײַן מוזע ניט,
דעפֿאַר אָן שאַנד, פֿאַרקוקטערהייט, לאָז דורך
די אַלע רייד צום שיין געשטאַלט אין ליד,
גענוצט פֿון דיכטער, וואָס בענטשט יעדן בוך.
אין חכמה, ווי אין פֿאָרם ביסטו שיין,
דײַן ווערט גרייכט הויך, וואו לויב האָט מער קײַן וועג;
דערפֿאַר באַנײַס מוזסט זוכן צו דערגיין
מער פֿרישן שפּור פֿון צײַטס באַנײַטע טעג.
דאָס טו; דאָך ווען זיי האָבן אויסגעטראַכט
געצוואונגסטע בילד מיט אַלץ וואָס מליצה שײַנט, —
דו, אמת שיין, אויף אמת ביסט באַוואַכט
אין וואָרט, טרײַ־פּשוט פֿון דײַן טרײַען פֿרײַנט;
ס'וואָלט נוצן זייער פּראָסטע פֿאַרב געקענט
אַ באַק אָן בלוט — אויף דיר איז עס פֿאַרשווענדט.

LXXXI

Or I shall live your epitaph to make,
Or you survive when I in earth am rotten;
From hence your memory death cannot take,
Although in me each part will be forgotten.
Your name from hence immortal life shall have,
Though I, once gone, to all the world must die:
The earth can yield me but a common grave,
When you entombed in men's eyes shall lie.
Your monument shall be my gentle verse,
Which eyes not yet created shall o'er-read,
And tongues to be your being shall rehearse
When all the breathers of this world are dead;
You still shall live—such virtue hath my pen—
Where breath most breathes, even in the mouths of men.

LXXXII

I grant thou wert not married to my Muse
And therefore mayst without attaint o'erlook
The dedicated words which writers use
Of their fair subject, blessing every book.
Thou art as fair in knowledge as in hue,
Finding thy worth a limit past my praise,
And therefort art enforced to seek anew
Some fresher stamp of the time-bettering days.
And do so, love; yet when they have devised
What strained touches rhetoric can lend,
Thou truly fair wert truly sympathized
In true plain words by thy true-telling friend;
And their gross painting might be better used
Where cheeks need blood; in thee it is abused.

83

אַז דו דאַרפֿסט פֿאַרב, כ'האָב קיינמאָל ניט באַמערקט,
דערפֿאַר מיט פֿאַרב דײַן פּראַכט כ'האָב ניט באַמאָלט;
און כ'זע, צי ס'דוכט איך זע: שטײַגסט איבער ווערט
פֿון דיכטערס הוילן צוזאָג, וואָס ער צאָלט.
נו, שלאָף איך, און איך לויב גאָר ניט דײַן פּראַכט,
דײַן אייגן גרויס באַווײַזט און איבערצײַגט
ווי ס'האָט מאָדערנע פּען דאָך גאָר קײַן מאַכט
דײַן ווערט צו מאָלן, — ווערט, וואָס וואַקסט און שטײַגט.
מײַן שווײַגן איז אַ זינד האָסטו געקלערט,
נאָר מיר קומט גרעסטער לויב פֿאַר בלײַבן שטום,
מיט שווײַגן מײַנס דײַן שיינקײַט ניט צעשטערט,
ווי דער וואָס קומט באַלעבן און ברענגט אום.
ס'ווײַזט איין שיין אויג דײַנס לעבן מער אַרויס
ווי דײַנע דיכטערס ביידע טראַכטן אויס.

84

ווער זאָגט עס מער, ווער האָט מער אויסגעדריקט
ווי רײַכער לויב, אַז דו אַליין ביסט דו?
בײַ וועמען אַזאַ גאָב פֿאַרמויערט ליגט,
וואָס גלײַכט זיך מיט דער גרויסקײַט דײַנער צו?
אין יענער פּען וואוינט דאַרע קאַרגשאַפֿט נאָר,
וואָס גיט צום בילד ניט צו כאָטש קלענסטע פּראַכט;
דאָך דיר, ווער ס'מאָלט, אויב ער קאָן זאָגן קלאָר
אַז דו ביסט דו, מער שטאָלץ זײַן בילד דאָס מאַכט.
אויב ער שרײַבט־נאָך, וואָס נאָר אין דיר עס שטייט,
פֿאַרשוועכט ניט וואָס נאַטור שאַפֿט אַזוי קלאָר, —
מאַכט קאָפּיע דאַן זײַן קלוגשאַפֿט מער פֿאַרשפּרייט,
ס'ווערט פֿון זײַן סטיל־פּראַכט באַלד גאַנץ וועלט געוואָר.
גיב צו אַ קללה צו די בענטשונגען,
האָסט ליב געלויב און ס'לײַדט דײַן לויב דורך דעם.

LXXXIII

I never saw that you did painting need
And therefore to your fair no painting set;
I found, or thought I found, you did exceed
The barren tender of a poet's debt;
And therefore have I slept in your report,
That you yourself being extant well might show
How far a modern quill doth come too short,
Speaking of worth, what worth in you doth grow.
This silence for my sin you did impute,
Which shall be most my glory, being dumb;
For I impair not beauty being mute,
When others would give life and bring a tomb.
  There lives more life in one of your fair eyes
  Than both your poets can in praise devise.

LXXXIV

Who is it that says most? which can say more
Than this rich praise, that you alone are you?
In whose confine immured is the store
Which should example where your equal grew.
Lean penury within that pen doth dwell
That to his subject lends not some small glory;
But he that writes of you, if he can tell
That you are you, so dignifies his story,
Let him but copy what in you is writ,
Not making worse what nature made so clear,
And such a counterpart shall fame his wit,
Making his style admired every where.
  You to your beauteous blessings add a curse,
  Being fond on praise, which makes your praises
    worse.

85

מײַן שטומע מוזע, גוט דערצויגן, שווײַגט,
ווען רײַך־געלויבטער לויב דײַנס ווערט געזאָגט,
און ווערט דורך גאָלדן פֿעדער מער פֿאַרצווײַגט
מיט קונסט פֿון מוזעס מליצות אויסגעטאָקט;
פֿון גוטס איך טראַכט, ווען זיי גוט שרײַבן בלויז,
כ'שרײַ אָמן נאָך, ווי פּרומער פֿון המון,
צו יעדן לויב, וואָס קלוגער גײַסט טראַכט אויס,
און ראַפֿינירטע פּען פֿאַרצירט עס שיין.
ווען כ'הער מען לויבט דיך, — יאָ, ס'איז וואָר איך זאָג,
און צו דײַן לויב כ'ברענג עפּעס נאָך אַרויס;
נאָר כ'טראַכט דאָס אַליץ; מײַן ליבשאַפֿט, וואָס איך טראָג —
כאָטש ווערט אירס קומט צולעצט, — דאָך גייט פֿאָרויס.
שאַץ זיי — פֿאַר קלאַנג פֿון ווערטער־לויבערײַ,
מיך — פֿאַר מײַן שטיל געדאַנק, וואָס רעדט געטרײַ.

86

האָט דאָס זײַן ליד מיט שטאָלצן זעגל־שפּרייט,
וואָס איז צום לויב פֿאַר רײַכסטן דו געבראַכט,
מיר קבר פֿאַר מײַן רײַפֿן זין געגרייט,
אין טראַכט, וואו ס'האָט געדאַנק מײַנס דאָרט דערוואַכט?
איז דאָס זײַן גײַסט, וואָס אונטער גײַסטער־מאַכט
שרײַבט איבערמענטשלעך — וואָס מיך טויט־דערשלאָגט?
נישט ער, נישט העלפֿער זײַנע אין דער נאַכט
דערשטוינונג האָבן אויף מײַן ליד געיאָגט.
נישט ער, נישט יענער גײַסט — זײַן טרײַער פֿרײַנט,
וואָס נאַכטלעך האָט מיט חכמה אים גענאַרט,
דורך שווײַגן מײַנעם קאָנען זיגן הײַנט;
נישט אָט די שרעק מאַכט קראַנק מיך און פֿאַרצערט.
נאָר ווען דײַן פּנים פֿול זײַן שורה מאַכט,
מיר אינהאַלט פֿעלט, מײַן ליד ווערט אָפּגעשוואַכט.

LXXXV

My tongue-tied Muse in manners holds her still,
While comments of your praise, richly compiled,
Reserve their character with golden quill
And precious phrase by all the Muses filed.
I think good thoughts whilst other write good words,
And like unletter'd clerk still cry 'Amen'
To every hymn that able spirit affords
In polish'd form of well-refined pen.
Hearing you praised, I say ' 'Tis so, 'tis true,'
And to the most of praise add something more;
But that is in my thought, whose love to you,
Though words come hindmost, holds his rank before.
  Then others for the breath of words respect,
  Me for my dumb thoughts, speaking in effect.

LXXXVI

Was it the proud full sail of his great verse,
Bound for the prize of all too precious you,
That did my ripe thoughts in my brain inhearse,
Making their tomb the womb wherein they grew?
Was it his spirit, by spirits taught to write
Above a mortal pitch, that struck me dead?
No, neither he, nor his compeers by night
Giving him aid, my verse astonished.
He, nor that affable familiar ghost
Which nightly gulls him with intelligence,
As victors of my silence cannot boast;
I was not sick of any fear from thence:
  But when your countenance fill'd up his line,
  Then lack'd I matter; that enfeebled mine.

87

פֿאַרבלײַב געזונט! פֿאַר מיר דו ביסט צו טײַער,
און ווייסט אַליין דײַן אייגן ווערט געוויס;
די פֿרײַ־שריפֿט פֿון דײַן ווערט דיר גיט באַפֿרײַאונג,
מײַן יעדער בונד מיט דיר מיט סוף דאָך איז.
ווי האַלט איך דיך, אויב נישט דורך ווילן דײַנעם?
פֿאַרדין איך אוצר דען, וואָס איך באַקום?
ס׳פֿעלט אורזאַך מיר, דײַן ווערט זאָל מיך באַשײַנען, —
אַזוי איצט קערט זיך קריק געשאַנק מײַנס אום.
האָסט זיך געשענקט, אָן וויסן פֿון דײַן ווערט,
צי האָסט געגרײַזט אין מיר, זיך שענקענדיק;
אַז זי, דײַן גרויס געשאַנק, אויף טעות זיך גענערט,
קומט איצט, נאָך גוט באַטראַכט, אַהיים צוריק.
כ׳האָב דיך געהאַט ווי טרוים וואָס חנפֿה׳ט בלויז —
אין שלאָף אַ קעניג, אין דער וואָך — אַלץ אויס.

88

ווען דו הויבסט אָן מיך נעמען לײַכטערהייט,
און פֿאַר דײַן אָפּלאָך־אויג מײַן ווערט דו שטעלסט,
בין איך פֿאַר דיר מיט דיר צו קעמפֿן גרייט,
און כ׳בלײַב געטרײַ דיר, כאָטש אין מיר דו פֿעלשסט.
מיט מײַנע שוואַכקײַטן צו־גוט באַקאַנט,
כ׳קאָן דאָך דערציילן פֿאַר דײַן נוצן בלויז,
געהיימע שלעכטס אויף זיך, וואָס מיר ברענגט שאַנד,
און כאָטש פֿאַרלירסט מיך, וואַקסט דײַן רום מער אויס.
דאָך אויך פֿון דעם געווינער זײַן וועל איך:
ווען גאָר מײַן ליבשאַפֿט־זין כ׳שפּאַר־אָן אויף דיר,
דעם שאָדן, וואָס איך טו אַליין צו זיך
בלויז פֿאַר דײַן גוטס ווערט טאָפּל גוטס פֿאַר מיר.
אַזאַ מײַן ליבע, דיר אַזוי כ׳געהער,
אַז פֿאַר דײַן גוטס איז גאָר קײַן שלעכטס מיר שווער.

LXXXVII

Farewell! thou art too dear for my possessing,
And like enough thou know'st thy estimate:
The charter of thy worth gives thee releasing;
My bonds in thee are all determinate.
For how do I hold thee but by thy granting?
And for that riches where is my deserving?
The cause of this fair gift in me is wanting,
And so my patent back again is swerving.
Thyself thou gavest, thy own worth then not
knowing,
Or me, to whom thou gavest it, else mistaking;
So thy great gift, upon misprision growing,
Comes home again, on better judgement making.
Thus have I had thee, as a dream doth flatter,
In sleep a king, but waking no such matter.

LXXXVIII

When thou shalt be disposed to set me light
And place my merit in the eye of scorn,
Upon thy side against myself I'll fight
And prove thee virtuous, though thou art forsworn.
With mine own weakness being best acquainted,
Upon thy part I can set down a story
Of faults conceal'd, wherein I am attainted,
That thou in losing me shalt win much glory:
And I by this will be a gainer too;
For bending all my loving thoughts on thee,
The injuries that to myself I do,
Doing thee vantage, double-vantage me.
Such is my love, to thee I so belong,
That for thy right myself will bear all wrong.

89

דו זאָג, ביסט פֿאַר אַ שולד אַוועק פֿון מיר,
און כ'וועל באַשרײַבן באַלד די שולדיקײַט:
פֿון מײַן געליימטקײַט רייד, און כ'בלײַב אָן ריר,
כ'פֿיר קעגן דײַנע סיבות ניט קײַן שטרײַט.
קאָנסט, ליב, מיך האַלב אַזוי ניט שענדן דאָך,
כ'זאָל אויף געוואונטשטן וועג פֿון אומבײַט גיין, —
ווי איך זיך שענד אַליין; דײַן וואונטש כ'גיב נאָך,
כ'פֿאַרשטיק דײַן פֿרײַנטשאַפֿט, כ'בלײַב אַ פֿרעמדער שטיין;
פֿון דײַנע וועגן — ווײַט; און אויף מײַן צונג
נישט מער דײַן זיס באַליבטער נאָמען קומט,
אים זאָל מײַן זינד נישט ברענגען לעסטערונג,
נישט אויסזאָגן פֿון אונדזער אַלטן בונד.
אַנטקעגן זיך — פֿאַר דיר איך טרעט אַרויס,
ווײַל כ'טאָר נישט ליבן אים, וואָס דו פֿאַרשטויסט.

90

טאָ האָס מיך ווען דו ווילסט; אויב ווען — איז שוין;
אַצינד, ווען וועלט מײַן טאַט־צעשטער באַגערט,
גיי־מיט מײַן מזל־טראָץ, מיך צווינג צו שטיין
געבוקט, און קום נישט ווען כ'בין שוין צעשטערט;
אָ, קום נישט, ווען מײַן האַרץ אַנטרינט פֿון זאָרגן,
בײַם סוף פֿון אַ באַזיגטן פּײַן־צעשטער;
נישט גיב אַ ווינט־נאַכט רעגנדיקן מאָרגן
צו לענגערן געצילטן איבערקער.
אויב דו פֿאַרלאָזסט מיך, — גיי נישט לעצט, ווען מיך
האָט קלענער פּײַן שוין גאָר זײַן בייז געבראַכט, —
בײַם אָנהויב קום, פֿאַרזוכן דאָן זאָל איך
צוערשט דעם מזלס סאַמע ערגסטע מאַכט;
און יעדע וויי, וואָס איצט ווי ווײַ זעט אויס,
איז בײַם פֿאַרלירן דיך — נישט אַזוי גרויס.

LXXXIX

Say that thou didst forsake me for some fault,
And I will comment upon that offence;
Speak of my lameness, and I straight will halt,
Against thy reasons making no defence.
Thou canst not, love, disgrace me half so ill,
To set a form upon desired change,
As I'll myself disgrace: knowing thy will,
I will acquaintance strangle and look strange,
Be absent from thy walks, and in my tongue
Thy sweet beloved name no more shall dwell,
Lest I, too much profane, should do it wrong
And haply of our old acquaintance tell.
  For thee against myself I'll vow debate,
  For I must ne'er love him whom thou dost hate.

XC

Then hate me when thou wilt; if ever, now;
Now, while the world is bent my deeds to cross,
Join with the spite of fortune, make me bow,
And do not drop in for an after-loss:
Ah, do not, when my heart hath 'scaped this sorrow,
Come in the rearward of a conquer'd woe;
Give not a windy night a rainy morrow,
To linger out a purposed overthrow.
If thou wilt leave me, do not leave me last,
When other petty griefs have done their spite,
But in the onset come; so shall I taste
At first the very worst of fortune's might,
  And other strains of woe, which now seem woe,
  Compared with loss of thee will not seem so.

91

ווער ס'שײַנט מיט יחוס, ווער מיט פּייאיקײַט,
ווער מיט זײַן גבורה, ווער מיט האָב זיך רימט,
ווער מיט זײַן קלייד, כאָטש מאָדיש־נײַ עס שרײַט,
צי ווער מיט פּערד און ווער מיט פֿאַלקן, הינט ;
ס'זוערט יעד געמיט באַגלייט מיט פֿריידן זײַנע,
וואו ס'איז דאָ גליק פֿון אַלע גליקן גרעסער : —
די אַלע זאַכן — ניט פֿאַר מאָס פֿאַר מײַנער,
דאָס אַלץ — אויף גאָר דאָס בעסטע איך פֿאַרבעסער.
דײַן ליבשאַפֿט איז מיר מער ווי יחוס ווערט,
פֿון רײַכקײַט מער, מער שטאָלץ פֿון קליידער־שווענד,
מיט מערער פֿריידן ווי פֿון פֿאַלקן, פּערד ;
כ'האָב דיך — מיט מענטשנס גאָרער שטאָלץ איך בלענד.
נאָר שלעכט איז דאָס, וואָס צונעמען דו קענסט
דאָס אַלץ פֿון מיר, און מיר נאָך ערגער קלעמסט.

92

טו ס'ערגסטע, זיך אַרויסצוגנבען דאָך,
פֿאַר לעבן־לאַנג געזיכערט אַלץ ביסט מײַן ;
ווי לאַנג דײַן ליבע לעבט, לעבט לעבן נאָך,
ווײַל אַלץ געבונדן איז אויף ליבע דײַן.
טאָ דאַרף ניט שרעקן מיר די ערגסטע לײַד, —
פֿון מינדסטער דאָך גייט לעבן מײַנס צו ענד ;
אַ שטאַנד אַ בעסערן פֿאַר מיר כ'זע גרייט,
ווי דער, וואָס אויף דײַן ליבע בלויז זיך לענט ;
קאָנסט מיט געדאַנק, אומטרײַ, ניט ווייטאָן מיך,
ווײַל לעבן מײַנס אויף פֿאַלשקײַט דײַנס בלויז שטייט.
אָ, סאַראַ פֿרייד־באַרעכט געפֿין איך זיך :
פֿרייד פֿון דײַן ליבע, שטאַרבן אויך מיט פֿרייד.
שרעקט ריינסטע שיינקײַט ניט פֿאַר פֿלעק זיך דען ? —
ביסט אפֿשר פֿאַלש, נאָר זאָל איך עס ניט זען.

XCI

Some glory in their birth, some in their skill,
Some in their wealth, some in their bodies' force,
Some in their garments, though new-fangled ill,
Some in their hawks and hounds, some in their horse;
And every humour hath his adjunct pleasure,
Wherein it finds a joy above the rest:
But these particulars are not my measure;
All these I better in one general best.
Thy love is better than high birth to me,
Richer than wealth, prouder than garments' cost,
Of more delight than hawks or horses be;
And having thee, of all men's pride I boast:
  Wretched in this alone, that thou mayst take
  All this away and me most wretched make.

XCII

But do thy worst to steal thyself away,
For term of life thou art assured mine,
And life no longer than thy love will stay,
For it depends upon that love of thine.
Then need I not to fear the worst of wrongs,
When in the least of them my life hath end.
I see a better state to me belongs
Than that which on thy humour doth depend;
Thou canst not vex me with inconstant mind,
Since that my life on thy revolt doth lie.
O, what a happy title do I find,
Happy to have thy love, happy to die!
  But what's so blessed-fair that fears no blot?
  Thou mayst be false, and yet I know it not.

93

אַזוי כ'וועל לעבן; מײַנען דו ביסט טרײַ,
ווי מאַן גענאַרט; כ'וועל ליבע־פּנים נאָך
אַלץ זען ווי ליבע, כאָטש געענדערט נײַ;
דײַן בליק מיט מיר, דײַן האַרץ — וואו אַנדערש דאָך:
ווײַל ס'קאָן קײַן האַס ניט וואוינען אין דײַן בליק,
דערפֿאַר אין אויג כ'דערקאָן קײַן בײַט אויף דיר.
אויף אויסזענס פֿיל פֿאַלש־האַרץ־געשיכטע ליגט
אין מאָדנעם שטערן־קנייטש, געמיט און ריר.
בײַ דײַן באַשאַף — געוועזן איז גאָטס פֿאַרלאַנג,
ס'זאָל אויף דײַן פּנים וואוינען ליבשאַפֿט־גליק,
וואָס ס'זאָל דײַן האַרץ ניט טאָן, צי דײַן געדאַנק, —
ניט מער ווי זיסקײַט זאָגן זאָל דײַן בליק.
צו חוהס עפּל גלײַך דײַן שיינקײַט בליט,
ווען דײַן זיס־צניעות שטימט מיט אויסזען ניט.

94

ווער ס'האָט די מאַכט צו ווייטאָן און זאָגט נײן,
ווער ס'טוט נישט דאָס, וואָס אויסזען זאָגט ער טוט,
ווער צווייטן רירט, אַליין — אָן ריר ווי שטיין
בלײַבט קאַלט, פּאַמעלעך צו דער גלוסטונג־גלוט;
דער ירשנט הימל־חן מיט רעכט דערפֿאַר
און לאָזט נאַטור־גאָב נישט זײַן אויסגעבראַכט,
דער איז אַליין אויף פּנים זײַנס דער האַר,
ווען אַנדערע — בלויז וועכטער פֿון דער פּראַכט.
דעם זומערס בלום — איז נאָר דעם זומער ליב,
פֿאַר זיך אַליין — בלום לעבט און שטאַרבט דאָך בלויז;
נאָר ווען פֿאַרגיפֿטונג זיך מיט בלום פֿאַרקניפּט,
זעט ווילד־גראָז דאָך פֿון אים פֿיל שענער אויס.
דורך טאַט, די זויערסטע פֿון זאַך דער זיסטער ווערט;
די ליליע פֿוילט — זיך מער פֿון ווילד־גראָז הערט!...

XCIII

So shall I live, supposing thou art true,
Like a deceived husband; so love's face
May still seem love to me, though alter'd new;
Thy looks with me, thy heart in other place:
For there can live no hatred in thine eye,
Therefore in that I cannot know thy change.
In many's looks the false heart's history
Is writ in moods and frowns and wrinkles strange,
But heaven in thy creation did decree
That in thy face sweet love should ever dwell;
Whate'er thy thoughts or thy heart's workings be,
Thy looks should nothing thence but sweetness tell.
  How like Eve's apple doth thy beauty grow,
  If thy sweet virtue answer not thy show!

XCIV

They that have power to hurt and will do none,
That do not do the thing they most do show,
Who, moving others, are themselves as stone,
Unmoved, cold, and to temptation slow,
They rightly do inherit heaven's graces
And husband nature's riches from expense;
They are the lords and owners of their faces,
Others but stewards of their excellence.
The summer's flower is to the summer sweet,
Though to itself it only live and die,
But if that flower with base infection meet,
The basest weed outbraves his dignity:
  For sweetest things turn sourest by their deeds;
  Lilies that fester smell far worse than weeds.

95

ווי זיס און ליב מאַכסט אויסצוזען די שאַנד,
גלײַך שמעקנדיקע רויז, וואו וואָרים לעבט,
אויף שיינקײַט פֿון דײַן נאָמען ווערט פֿאַרוויאַנט! —
אין סאַראַ זיסקײַט האָלסט דײַן זינד פֿאַרוועבט.
די צונג — וואָס אויסדערציילט פֿון דײַנע טעג
און דײַט אָן מיאוס אויף דײַן לוסטיקײַט, —
קאָן ברענגען אומלויב נאָר אויף לויבונג־וועג,
פֿאַרבענטשט דײַן נאָמען בלויז, וואָס איז פֿאַרשײַט;
אָ, סאַראַ פּאַלאַץ האָט די זינד אַנטדעקט,
דיך האָט זי אויסדערוויילט צו זײַן איר היים,
וואו שיינקײַט־שלײַער שלײַערט יעדן פֿלעק,
און אַלץ, וואָס אויגן קאָנען זען, ווערט שיין;
ליב־האַרץ, באַטראַכט, וואָס גליק דיר ווײַזט אַרויס,
אַז צופֿיל נוץ טעמפּט שאַרפֿסטן מעסער אויס.

96

דער זאָגט — דײַן יוגנטס שולד, דער — זינד־צעברויז,
דער זאָגט — דײַן חן איז יונגקײַט, שפּיל און פֿרייד;
סײַ חן און שולד בײַ הויך און קליין נעמט אויס;
פֿון שולדן מאַכסטו חן, וואָס נאָך דיר גייט,
ווי אויף דער מלכהס פֿינגער, אויפֿן טראָן,
ווערט ערגסטער שטיין באַטראַכט אין רײַכסטן ווערט.
אויך פֿאַלשקײַט, וואָס מען זעט אויף דיר ווען אָן,
קוקט אויס ווי וואָר, ווי וואָר געשאַצט זי ווערט.
פֿיל לעמער וואָלט דער בייזער וואָלף פֿאַרפֿירן,
ווען אויף אַ לאַם זײַן אויסזען בײַט ער אויס, —
פֿיל שטומע נאָכקוקערס נאָך זיך וואָלסט פֿירן,
אויב נאָר דו נוצט דײַן מאַכט אין פֿולער גרויס!
דאָך טו עס ניט; מײַן ליבשאַפֿט דיך באַהערשט,
ביסט מײַן און מיט דײַן נאָמען מיר געהערסט!

XCV

How sweet and lovely dost thou make the shame
Which, like a canker in the fragrant rose,
Doth spot the beauty of thy budding name!
O, in what sweets dost thou thy sins enclose!
That tongue that tells the story of thy days,
Making lascivious comments on thy sport,
Cannot dispraise but in a kind of praise;
Naming thy name blesses an ill report.
O, what a mansion have those vices got
Which for their habitation chose out thee,
Where beauty's veil doth cover every blot,
And all things turn to fair that eyes can see!
  Take heed, dear heart, of this large privilege;
  The hardest knife ill-used doth lose his edge.

XCVI

Some say thy fault is youth, some wantonness;
Some say thy grace is youth and gentle sport;
Both grace and faults are loved of more and less;
Thou makest faults graces that to thee resort.
As on the finger of a throned queen
The basest jewel will be well esteem'd,
So are those errors that in thee are seen
To truths translated and for true things deem'd.
How many lambs might the stern wolf betray,
If like a lamb he could his looks translate!
How many gazers mightst thou lead away,
If thou wouldst use the strength of all thy state!
  But do not so; I love thee in such sort
  As, thou being mine, mine is thy good report.

97

ווי ווינטער איז מײַן ווײַט־זײַן מיר געווען
פֿון דיר, פֿון יאָר פֿאַרשוואונדענעם די פֿרייד;
ווי כ'האָב געפֿרירט, כ'האָב גרויע טעג געזען,
מיט וויסט פֿון אַלט דעצעמבער האָט געווייט;
די צײַט אַוועק — געווען איז זומער דאָך;
דער גרייטער האַרבסט מיט שפֿע פֿול באַוואַכט,
טראָגט שווער דעם זומערס שווערסטן גלוסטונג־יאָך,
ווי נאָך האַרס טויט — אַלמנהדיקע טראַכט:
נאָר אויסגעזען האָט פֿרוכפּערקײַט צו מיר
ווי טרייסט פֿאַר יתום, פֿרוכט אָן פֿאָטער־פֿרייד;
ווײַל זומער־פּראַכט דאַרף זײַן צו דינען דיר,
אָן דיר אַלץ שטומט, אָן פֿויגל־קלאַנג אַלץ שטייט;
און זינגען זיי — אַ טרויעריניש פֿאַרקלעמט,
בלאַט בלאַסט פֿון שרעק אַז ווינטער־קעלט גענענט.

98

כ'בין ווײַט געווען פֿון דיר אין פֿרילינג־צײַט,
אַפּריל פֿול שטאָלץ — מיט גאָר זײַן פּוץ באַקליידט,
באַווייט אָט אַלץ מיט גײַסט פֿון יונגיקײַט,
אַז אויך סאַטורן, שווער טאַנצט־מיט אין פֿרייד.
דאָך קאָן נישט פֿויגל־ליד, נישט רײַכסטע בלומען
אין זיסטן ריח און קאָליר אַנטבלויזט,
מיך מאַכן וואָס דערציילן פֿון דעם זומער,
צי קלײַבן זיי פֿון שטאָלצן שויס אַרויס:
כ'האָב ליליעס ווײַס מיט וואונדער נישט באַטראַכט,
טיף־רויט פֿון רויז מיט ליבונג נישט באַגריסט,
בלויז זיס געווען; בלויז שאָטנס פֿון דער פּראַכט
נאָך דיר געמעלט; דו — זייער פֿאָרם ביסט.
דאָך דאַכט, ס'איז ווינטער; דו — ווײַט־ווײַט אַזוי,
ווי מיט דײַן שאָטן שפּיל איך זיך מיט זיי.

XCVII

How like a winter hath my absence been
From thee, the pleasure of the fleeting year!
What freezings have I felt, what dark days seen!
What old December's bareness every where!
And yet this time removed was summer's time,
The teeming autumn, big with rich increase,
Bearing the wanton burthen of the prime,
Like widow'd wombs after their lord's decease:
Yet this abundant issue seem'd to me
But hope of orphans and unfather'd fruit;
For summer and his pleasures wait on thee,
And, thou away, the very birds are mute;
  Or, if they sing, 'tis with so dull a cheer
  That leaves look pale, dreading the winter's near.

XCVIII

From you have I been absent in the spring,
When proud-pied April dress'd in all his trim
Hath put a spirit of youth in every thing,
That heavy Saturn laugh'd and leap'd with him.
Yet nor the lays of birds nor the sweet smell
Of different flowers in odour and in hue
Could make me any summer's story tell,
Or from their proud lap pluck them where they grew
Nor did I wonder at the lily's white,
Nor praise the deep vermillion in the rose;
They were but sweet, but figures of delight,
Drawn after you, you pattern of all those.
  Yet seem'd it winter still, and, you away,
  As with your shadow I with these did play.

99

כ׳האָב דרייסטן וויאָלעט געמוסרט האַרב:
„וואו, זיסער גנב, רויבסט זיס הויך אויב ניט
פֿון ליבסטערס אָטעם? אויף די באַקן, צאַרט,
דײַן שטאָלצן פּורפּור, וואָס קאָליר זיי גיט, —
האָסט גראָב אין ליבסטערס אָדערן פֿאַרפֿאַרבט".
פֿאַר ווײַס פֿון האַנט דײַנס — ליליע איך פֿאַרקלאָג,
פֿאַרכאַפּט האָט מאַיאָראַן־בליט דײַנע האָר,
די רויזן — שרעקעדיק אויף דאָרן־שטאָק,
איינס רויטלט שאַנד, איינס ווײַסער יאוש נאָר;
אַ דריטס — ניט ווײַס, ניט רויט, — פֿון ביידן נעמט,
און צו זײַן רויב אויך הויך דײַנס האָט ער גרייט;
נאָר פֿאַר זײַן גזלה — שטאָלץ פֿון גאָר זײַן בלענד, —
אים פֿרעסט נקמה־וואָרים ביז צום טויט.
נאָך בלומען כ׳טרעף, כ׳האָב קיינס געזען פֿאַר מיר,
וואָס האָט ניט הויך און פֿאַרב גערויבט פֿון דיר.

100

וואו ביסטו, מוזע, וואָס פֿאַרגעסט זיך לאַנג
דערמאָנען דאָס וואָס מאַכט דיך שטאַרק צו זײַן?
שווענדסט גאָר דײַן פֿײַער אויף אַ לער געזאַנג,
שוואַרצסט קראַפֿט צו לײַען בייזע זאַכן שײַן?
קום, מוזע, קריק, געשוויגן האָסט שוין לאַנג,
אין טענער צאַרט קויף אויס פֿאַרשווענדטע צײַט;
צום אויער זינג, וואָס פֿרייט זיך מיט דײַן קלאַנג,
און פֿאַר דײַן פּען אי קונסט אי תוך אַנטלײַט.
קום, מוזע, קוק אין ליבנס שטאַלט זיך אײַן
און זע, אויב צײַט האָט קנייטשן דאָרט געמאַכט;
אויב יאָ, פֿון פּוילונג זאָלסט באַשפּאָטער זײַן,
און מאַך צײַטס זיגן אומעטום פֿאַראַכט.
גיב רום אים שנעלער ווי אים צײַט פֿאַרצערט,
פֿאַרהאַלט איר קאָסע און איר קרומע שווערד.

XCIX

The forward violet thus did I chide:
Sweet thief, whence didst thou steal thy sweet
    that smells,
If not from my love's breath? The purple pride
Which on thy soft cheek for complexion dwells
In my love's veins thou hast too grossly dyed.
The lily I condemned for thy hand,
And buds of marjoram had stol'n thy hair:
The roses fearfully on thorns did stand,
One blushing shame, another white despair;
A third, nor red nor white, had stol'n of both
And to his robbery had annex'd thy breath;
But, for his theft, in pride of all his growth
A vengeful canker eat him up to death.
  More flowers I noted, yet I none could see
  But sweet or colour it had stol'n from thee.

C

Where art thou, Muse, that thou forget'st so long
To speak of that which gives thee all thy might?
Spend'st thou thy fury on some worthless song,
Darkening thy power to lend base subjects light?
Return, forgetful Muse, and straight redeem
In gentle numbers time so idly spent;
Sing to the ear that doth thy lays esteem
And gives thy pen both skill and argument.
Rise, resty Muse, my love's sweet face survey,
If Time have any wrinkle graven there;
If any, be a satire to decay,
And make Time's spoils despised every where.
  Give my love fame faster than Time wastes life;
  So thou prevent'st his scythe and crooked knife.

101

אָ, פֿוילע מוזע, זאָג, ווי צאָלסטו אויס
פֿאַר דײַן ניט מאָלן וואָר געפֿאַרבט אין פּראַכט ?
ס'וועגדט פּראַכט און וואָר זיך אָן מײַן ליבסטן בלויז,
אויך דיך דאָס אייגענע דערהויבן מאַכט.
גיב ענטפֿער, מוזע : וועסטו דען ניט זאָגן —
„ס'דאַרף אמת צו זײַן פֿאַרב קײַן צו־ריכט נישט,
פּראַכט דאַרף ניט פּינזל, פּראַכט־וואָר צו צוטראָגן,
דאָס בעסט איז בעסט, ווען קיינמאָל צוגעמישט ?"
ווײַל ער דאַרף לויבונג ניט, וועסט שווײַגיק שטיין ?
דײַן שטילקײַט ניט פֿאַרגיב ; נאָר דו קאָנסט מאַכן
אים איבערלעבן ס'גאָלד פֿון קבר־שטיין,
ס'זאָל לויב פֿאַר אים אין צוקונפֿט־דורות וואַכן ;
טו חוב דײַנס, מוזע, כ'ווײַז דיר, ווי מײַן פֿרײַנט
קאָנסט לאַנג נאָך מאַכן אויסזען גלײַך ווי הײַנט.

102

מײַן ליבע איז געשטאַרקט, כאָטש שוואַכער ס'דאַכט,
נישט מינדער כ'ליב, כאָטש מינדער ווײַזט זיך אויס,
ס'איז ליבע סחורהדיק, וואָס שאַצונג מאַכט
באַזיצערס צונג און שרײַט דעם ווערט אַרויס.
געווען איז אונדזער ליבע דעמאָלט נײַ,
אין פֿרילינג ; ס'האָט באַגריסט מײַן ליד איר גאָב,
ווי פֿילאָמעלא זינגט אין זומער פֿרײַ,
און ס'פֿײַפֿל אירס אין רײַף־טעג איז פֿאַרשטאָפּט :
נישט ווײַל ס'איז זומערס פּראַכט איצט ווינציקער,
ווי ווען פֿאַרשטילט דער נאַכט איר טרויער־קלאַנג,
נאָר ווײַל ווילד ליד אויף יעדן צווײַג הענגט שווער,
ס'איז פּראַכט געוואָרן וואָך, און פֿרייד — פֿאַרצאַנקט.
דערפֿאַר, ווי זי אַמאָל, מײַן צונג כ'האַלט אײַן,
עס זאָל מײַן ליד דיר לאַנגווײַליק ניט זײַן.

CI

O truant Muse, where shall be thy amends
For thy neglect of truth in beauty dyed?
Both truth and beauty on my love depends;
So dost thou too, and therein dignified.
Make answer, Muse: wilt thou not haply say
'Truth needs no colour, with his colour fix'd;
Beauty no pencil, beauty's truth to lay;
But best is best, if never intermix'd?'
Because he needs no praise, wilt thou be dumb?
Excuse not silence so; for't lies in thee
To make him much outlive a gilded tomb,
And to be praised of ages yet to be.
  Then do thy office, Muse; I teach thee how
  To make him seem long hence as he shows now.

CII

My love is strengthen'd, though more weak in
    seeming;
I love not less, though less the show appear:
That love is merchandized whose rich esteeming
The owner's tongue doth publish every where.
Our love was new and then but in the spring
When I was wont to greet it with my lays,
As Philomel in summer's front doth sing
And stops her pipe in growth of riper days:
Not that the summer is less pleasant now
Than when her mournful hymns did hush the night,
But that wild music burthens every bough
And sweets grown common lose their dear delight.
  Therefore like her I sometime hold my tongue,
  Because I would not dull you with my song.

103

אָ, סאַראַ אָרימקייט מײַן מוזע ברענגט,
כאָטש זי קאָן ווײַזן שטאָלץ מיט איר פֿאַרנעם,
גאָר הויל געשטאַלט איז מיט מער ווערט באַשענקט,
ווי ס׳איז מיט צוגאָב פֿון מײַן לויב געווען;
נישט טאַדל מיך, ווען כ׳קאָן ניט שרײַבן מער!
אין שפּיגל קוק, געזיכט דאָרט שוועבט אַרויס
וואָס איבערשטײַגט מײַן דמיון טעמפּ און לער,
פֿאַרשעמט מיך, טעמפּט די שורות מײַנע אויס.
איז פּרוּאוו צו בעסערן קײַן זינד דען ניט
ווען ס׳ווערט אַ שיין געשטאַלט פֿאַרמיאוסט גאָר?
ווײַל ס׳האָט קײַן אַנדער וואונטש דאָך ניט מײַן ליד
חוץ מאָלן חן און גאָב דײַנס ווי אויף וואָר.
און מער, פֿיל מער, ווי אין מײַן פֿערז קאָן זײַן,
דיר ווײַזט דײַן שפּיגל, ווען דו קוקסט אַרײַן.

104

פֿאַר מיר, ווערסט שיינער פֿרײַנט, נישט קיינמאָל אַלט,
ווי כ׳האָב דײַן בליק דערבליקט צום ערשטן טאָג
ביסט שיין נאָך... ס׳האָבן שוין דרײַ ווינטערס קאַלט
דרײַ זומערס שטאָלץ פֿון וואַלד אַראָפּגעיאָגט;
דרײַ וואונדער־פֿרילינגס, אויף געל האַרבסט פֿאַרבלענדט,
אין צײַט־געלאָף האָב איך געזען פֿאַרבליצט;
דרײַ מאָל האָט יוני־היץ דרײַ אַפּרילס פֿאַרברענט
זינט ערשטע פֿרישקייט דײַנס, וואָס גרינט נאָך איצט.
דאָך שיינקייט שלײַכט, ווי שנעל צײַטס ווײַזער גייט
פֿון ציפֿער אָפּ, מיט ריר זײַנס אומבאַמערקט,
אַך, דײַן זיס פֿאַרב, וואָס דאַכט זיך אַלץ נאָך שטייט,
אויך האָט באַוועג, — כאָטש אויג גענאַרט נאָך ווערט.
דו נישט געבערטע צײַט, פֿאַר שרעק פֿאַרנעם:
ס׳איז שיינקייטס גרין נאָך פֿאַר דיר טויט געווען.

CIII

Alack, what poverty my Muse brings forth,
That having such a scope to show her pride,
The argument all bare is of more worth
Than when it hath my added praise beside!
O, blame me not, if I no more can write!
Look in your glass, and there appears a face
That over-goes my blunt invention quite,
Dulling my lines and doing me disgrace.
Were it not sinful then, striving to mend,
To mar the subject that before was well?
For to no other pass my verses tend
Than of your graces and your gifts to tell;
  And more, much more, than in my verse can sit
  Your own glass shows you when you look in it.

CIV

To me, fair friend, you never can be old,
For as you were when first your eye I eyed,
Such seems your beauty still. Three winters cold
Have from the forests shook three summers' pride,
Three beauteous springs to yellow autumn turn'd
In process of the seasons have I seen,
Three April perfumes in three hot Junes burn'd,
Since first I saw you fresh, which yet are green.
Ah! yet doth beauty, like a dial-hand,
Steal from his figure and no pace perceived;
So your sweet hue, which methinks still doth stand,
Hath motion and mine eye may be deceived:
  For fear of which, hear this, thou age unbred;
  Ere you were born was beauty's summer dead.

105

נישט רופט אידאַלן־דינסט די ליבע מײַנע,
נישט האַלט, ס׳איז ליבער מײַנער אַן אידאַל,
ווײַל גאָר די לידער לויב מײַנס ענלעך זײַנען,
צו אײנעם, אַלץ פֿון אײנעם אַלע מאָל.
ס׳איז הײַנט מײַן ליבע גוט, אויך מאָרגן גוט,
באַשטענדיק וואונדערלעך און גרויס;
דערפֿאַר מײַן ליד — באַשטענדיק אין מאַרשרוט,
איין זאַך נאָר זאָגט, די אַנדערשקײַט לאָזט אויס.
שײן, גוט, געטרײַ, איז הויפּט פֿון מײַנע רייד,
שײן, גוט, געטרײַ, מיט נײַעם ווערטער־זאָג;
אין אָט דער בײַטונג גאָר מײַן ריכטונג גייט,
דרײַ טעמעס — אײנס, ס׳גיט וואונדערלעך אַ טראָג!
שײן, גוט, געטרײַ — געלעבט דאָך אָפֿט אַליין,
קיינמאָל ביז איצט — די דרײַ געהאַט אין היים.

106

אין כראָניק־בוך פֿון צײַט פֿאַרשווענדטער, לאַנג,
ווען כ׳זע געשטאַלטן שענסטע דאָרט באַשריבן,
ס׳ברענגט שײנקײַט שײנעם אַלטן גראַם־געזאַנג,
אַ חוב צו טויטע דאַמען, ריטער־ליבע;
כ׳זע דאַן — אויף שילד פֿון זיסער שײנקײַט־בחיר
פֿון האַנט, פֿון פֿוס, פֿון ליפּ, פֿון אויג, פֿון ברעם, —
גלײַך אַלטע פּען וואָלט אויך געמאָלן דיר,
אַ שײנקײַט — נאָר אין דײַן באַזיץ צו זען! —
איז אַלדאָס לויב פֿון זײ נביאות גאָר
פֿון אונדזער צײַט; בלויז דיר זיך פֿאַרגעשטעלט;
און ווײַל געקוקט מיט אויג פֿון נביא נאָר, —
האָט קונסט צו לויבן דיר זײ אויסגעפֿעלט.
אין טעג פֿון הײַנט — בלויז אויג־באַוואונדערונג
פֿאַרמאָגן מיר, נאָר לויב פֿעלט אויס דער צונג.

CV

Let not my love be call'd idolatry,
Nor my beloved as an idol show,
Since all alike my songs and praises be
To one, of one, still such, and ever so.
Kind is my love to-day, to-morrow kind,
Still constant in a wondrous excellence;
Therefore my verse to constancy confined,
One thing expressing, leaves out difference.
'Fair, kind, and true' is all my argument,
'Fair, kind, and true' varying to other words;
And in this change is my invention spent,
Three themes in one, which wondrous scope affords.
  'Fair, kind, and true,' have often lived alone,
  Which three till now never kept seat in one.

CVI

When in the chronicle of wasted time
I see descriptions of the fairest wights,
And beauty making beautiful old rhyme
In praise of ladies dead and lovely knights,
Then, in the blazon of sweet beauty's best,
Of hand, of foot, of lip, of eye, of brow,
I see their antique pen would have express'd
Even such a beauty as you master now.
So all their praises are but prophecies
Of this our time, all you prefiguring;
And, for they look'd but with divining eyes,
They had not skill enough your worth to sing:
  For we, which now behold these present days,
  Have eyes to wonder, but lack tongues to praise.

107

ניט אייגן שרעק, ניט נביא־גײַסט מיט טרוים
פֿון זאַכן אויף דער וועלט נאָך ניט געשען,
קאָן האָבן אויף מײַן ליבשאַפֿט טרײַ אַ צוים,
וואָס ס׳דאַכט זיך ס׳איז פֿאַרשפּילט צום גורל־קלעם.
דאָך שײַנט לבנה נאָך דער פֿינסטערניש,
און וואָרזאָגער שפּאָט אָפּ פֿון זיך אַליין;
אומזיכערקײַט איצט קרוינט זיך מיט געוויס,
ס׳רופֿט פֿריד צו אייביקײַט דעם איילבירט־בוים.
ס׳איז איצט — ווען זיסטע צײַט מיט טראָפּנס טריפֿט, —
מײַן ליבשאַפֿט פֿריש; אויף טויט — אַ זיג איך האַלט:
טראָץ אים כ׳וועל לעבן אין מײַן אָרעם שריפֿט,
אויף די, — אָן שפּראַך און טעמפּ — דער טויט באַפֿאַלט.
אויך דו ביסט דאָ אין אָט דעם מאָנומענט,
ווען קרוינען, מעש־מצבות — לאַנג פֿאַרלענדט.

108

האָט וואָס מײַן מאַרך, וואָס טינט נאָר שרײַבן קען,
און ס׳האָט דיר טרײַ מײַן גײַסט נאָך ניט אַנטפּלעקט?
איז דאָ נײַ־וואָרט, צי נײַס צו צייכענען,
וואָס דריקט מײַן ליבשאַפֿט אויס צו דײַן פֿאַרמעג?
קײַן זאַך זיס־יונג; ווי תּפֿילה־הייליקע
כ׳מוז זאָגן ס׳אייגענע טאָג אויס, טאָג אײַן:
דו מײַן, איך דײַן; ניט אַלט און אַלטקײַט כ׳זע,
ווי ערשט געהייליקט כ׳וואָלט שיין נאָמען דײַן.
ס׳זאָל אייביק ליבשאַפֿט, פֿריש אין ליבשאַפֿט־ראַם,
ניט וועגן שטויב, — פֿון אַלטקײַט דעם צעפֿאַל, —
ניט געבן אָרט פֿאַר עלטער־קנייטש און שראַם,
נאָר אַלטקײַט זאָל זײַן אייביק דער וואַסאַל.
זעסט ערשטן ליבשאַפֿט־אָטעם דאָרט צעשטראַלט,
כאָטש צײַט און דרויסן־פֿאָרם פֿאַר טויט עס האַלט.

CVII

Not mine own fears, nor the prophetic soul
Of the wide world dreaming on things to come,
Can yet the lease of my true love control,
Supposed as forfeit to a confined doom.
The mortal moon hath her eclipse endured
And the sad augurs mock their own presage;
Incertainties now crown themselves assured
And peace proclaims olives of endless age.
Now with the drops of this most balmy time
My love looks fresh, and Death to me subscribes,
Since, spite of him, I'll live in this poor rhyme,
While he insults o'er dull and speechless tribes:
  And thou in this shalt find thy monument,
  When tyrants' crests and tombs of brass are spent.

CVIII

What's in the brain that ink may character
Which hath not figured to thee my true spirit?
What's new to speak, what new to register,
That may express my love or thy dear merit?
Nothing, sweet boy; but yet, like prayers divine,
I must each day say o'er the very same,
Counting no old thing old, thou mine, I thine,
Even as when first I hallow'd thy fair name.
So that eternal love in love's fresh case
Weighs not the dust and injury of age,
Nor gives to necessary wrinkles place.
But makes antiquity for aye his page,
  Finding the first conceit of love there bred
  Where time and outward form would show it dead.

109

אָ, זאָג נישט, כ׳בין געווען אין האַרץ אומטריַ,
כאָטש קילער האָט מײַן פֿלאַם פֿון ווײַט געבליקט,
פֿון זיך אַליין כ׳וואָלט לײַכטער ווערן פֿריַ,
ווי פֿון מײַן זעל, וואָס אין דײַן האַרצן ליגט.
דאָרט איז מײַן ליבשאַפֿט־היים; אויב כ׳גיי אין ווײַט
ווי וואַנדערער, איך קום ווי ער פֿון וועג;
פּונקט צו דער צײַט, אָן ענדער פֿון דער צײַט,
איך ברענג אַליין דאָס וואַסער פֿאַר מײַן פֿלעק.
גלויב קיינמאָל, — כאָטש ס׳איז טבע מײַנס באַוועגט
פֿון שוואַכקײַט וואָס באַפֿאַלט אַ יעדנס בלוט, —
אַז זי איז אומזיניק אַזוי באַפֿלעקט,
פֿאַר נישטיקס לאָזן גאָר דײַן סכום פֿאַר גוט;
ס׳איז נישטיק ברייטער אוניוועדס פֿאַר מיר,
חוץ דו, מײַן רויז; איך זע מײַן אַלץ אין דיר!

110

ס׳איז וואָר, ס׳איז דאָ און דאָרט געווען מײַן טראָט,
אַליין געמאַכט זיך פֿאַר פּאַיאַצן־נאַר,
מײַן זין פֿאַרוואונדט, פֿאַרקויפֿט מײַן בעסט פֿאַר שפּאָט,
פֿון ליבשאַפֿט נײַ — געשאַפֿן אַלטן צער.
דאָך דאָס איז וואָר, כ׳האָב קרום אויף וואָר געבליקט,
און מאָדנע; נאָר בײַ אַלץ וואָס אויבן איז: —
דער בלאָנדזשען גיט מיר נײַעם יוגנט־גליק,
ס׳ווײַזט ערגסטער פּרואוו: מײַן העכסטע ליבשאַפֿט ביסט!
פֿאַרבײַ איצט אַלץ, כ׳האָב דאָס, וואָס אייביק נײַ,
כ׳וועל מער ניט שאַרפֿן שוין מײַן אַפּעטיט
אויף נײַ באַווײַז צי אַלטער פֿרײַנט איז טרײַ,
אַ גאָט אין ליבע, וואָס מיך האַלט געשמידט.
טאָ נעם מיך צו — נאָך הימל־העכסטע גלוסט, —
צו דײַן מערסט ליביקער און ריינער ברוסט.

CIX

O, never say that I was false of heart,
Though absence seem'd my flame to qualify.
As easy might I from myself depart
As from my soul, which in thy breast doth lie:
That is my home of love: if I have ranged,
Like him that travels I return again,
Just to the time, not with the time exchanged,
So that myself bring water for my stain.
Never believe, though in my nature reign'd
All frailties that besiege all kinds of blood,
That it could so preposterously be stain'd,
To leave for nothing all thy sum of good;
  For nothing this wide universe I call,
  Save thou, my rose; in it thou art my all.

CX

Alas, 'tis true I have gone here and there
And made myself a motley to the view,
Gored mine own thoughts, sold cheap what is
    most dear,
Made old offences of affections new;
Most true it is that I have look'd on truth
Askance and strangely: but, by all above,
These blenches gave my heart another youth,
And worse essays proved thee my best of love.
Now all is done, have what shall have no end:
Mine appetite I never more will grind
On newer proof, to try an older friend,
A god in love, to whom I am confined,
  Then give me welcome, next my heaven the best,
  Even to thy pure and most most loving breast.

111

אָ, צוליב מיר פֿירסט מיטן מזל קריג,
וואָס געטין, שולדיק אין מײַן שלעכטער טאַט,
האָט לעבן מײַן מיט בעסערס ניט באַגליקט
ווי פֿאָלקס־גאָב, וואָס געבערט פֿאָלקס פּראָסטן שטאַט.
דערפֿאַר מײַן נאָמען ווערט אין פֿלעק געבראַנדט,
דערפֿאַר אַזוי פֿאַרטונקט איז טבע מײַן
אין אייגן אַרבעט, ווי דעם פֿאַרבערס האַנט; —
האָב מיטלייד, ווינטש מיר, אַז באַנײַט כ׳זאָל זײַן.
כ׳בין גרייט ווי חולה צו דעם עסיק־טראַנק,
וואָס פֿאַר מײַן שטאַרקן סם עס איז אַ שוץ,
אַן ביטערקײַט, וואָס ביטערט מײַן געדאַנק,
אַן טאָפּל־שטראָף צו גיטיקן דאָס גוטס.
האָב מיטלייד, טײַערסט, כ׳זאָג דיר אין פֿאַראויס,
שוין בלויז דער מיטלייד דײַנער היילט מיך אויס.

112

ס׳האָט ליבשאַפֿט, מיטלייד דײַנס, מיר אויסגעפֿילט
מײַן שטערן־שראַם וואָס דער המון קריצט אויס,
וואָס אַרט מיך, גוט צי שלעכט פֿאַר יענעם כ׳גילט,
אַז דו מײַן שלעכטס באַגרינסט, מײַן גוטס זעסט בלויז.
כ׳וויל דורך דײַן מויל — ווײַל גאָר מײַן וועלט דו ביסט, —
דערוויסן זיך מײַן אייגן לויב און שאַנד;
קײַן זאַך מיר גילט, איך גילט פֿאַר קיינעם נישט,
גערעכט, צי ניין, צו בײַטן מײַן פֿאַרשטאַנד;
אין טיפֿן תהום כ׳וואַרף גאָר מײַן זאָרג אַוועק
פֿאַר יעדנס ריידערײַ; מײַן חוש פֿון נאָטער
איז טויב פֿאַר די באַריידער, חניפֿה־שלעק.
באַמערק: ווי כ׳וועד מיט גלײַכגילט פֿון אַלץ פּטור.
האָסט אַזוי שטאַרק זיך אין מײַן האַרץ פֿאַרבויט,
אַז גאַנצע וועלט, חוץ דו, קוקט אויס מיר טויט.

CXI

O, for my sake do you with Fortune chide,
The guilty goddess of my harmful deeds,
That did not better for my life provide
Than public means which public manners breeds.
Thence comes it that my name receives a brand,
And almost thence my nature is subdued
To what it works in, like the dyer's hand:
Pity me then and wish I were renew'd;
Whilst, like a willing patient, I will drink
Potions of eisel 'gainst my strong infection;
No bitterness that I will bitter think,
Nor double penance, to correct correction.
  Pity me then, dear friend, and I assure ye
  Even that your pity is enough to cure me.

CXII

Your love and pity doth the impression fill
Which vulgar scandal stamp'd upon my brow;
For what care I who calls me well or ill,
So you o'er-green my bad, my good allow?
You are my all the world, and I must strive
To know my shames and praises from your tongue;
None else to me, nor I to none alive,
That my steel'd sense or changes right or wrong.
In so profound abysm I throw all care
Of others' voices, that my adder's sense
To critic and to flatterer stopped are.
Mark how with my neglect I do dispense:
  You are so strongly in my purpose bred
  That all the world besides methinks are dead.

113

זינט כ'האָב פֿאַרלאָזט דיך, אויג אין זין מײַנס ליגט,
און דאָס וואָס מיך באַהערשט אַרומצוגיין,
צעטיילט זײַן דינסט, און ווי האַלב בלינד עס בליקט,
עס דאַכט עס זעט, אויף אמת — איז עס ניין.
ווײַל ס'ברענגט ניט אויג צום האַרץ־געשטאַלט קײַן מין
פֿון פֿויגל, בוים, צי בילד, וואָס האַרץ פֿאַרשליסט;
אין שנעלן בליק זײַנס נעמט קײַן טייל דער זין,
וואָס ער אַליין כאַפּט אויף פֿאַרהאַלט ער נישט.
ווײַל זעט ער גרעבסטע זעאונג, צאַרטסטע פּראַכט,
באַשאַף — דאָס זיסטע, צי פֿאַרמומט דורכאויס;
צי זעט ער באַרג צי ים, דעם טאָג צי נאַכט,
די קראָ, די טויב — אַלץ האָט דײַן פֿורעם בלויז.
כ'קאָן גאָרנישט מער, ווי פֿול זײַן מיט דײַן מאַכט,
מײַן טרייסער זין אומטרײַ מײַן אויג מיר מאַכט.

114

מײַן גײַסט, געקרוינט מיט דיר, צי טרינקט ער גאָר
דעם קעניגס פּלאָג־געטראַנק פֿון חניפֿה בלויז?
צו זאָגן אַז מײַן אויג גאָר זעט די וואָר: —
דײַן ליבע לערנט אים אַלכעמיע אויס
צו מאַכן כרובים — אין דײַן זיס געשטאַלט —
פֿון ברואים גרעבסטע און פֿון זאַכן ווילד;
פֿון יעדער שלעכטס — דאָס פֿולסטע גוטס ווערט באַלד,
ווי שנעל אַ זאַך באַשטראַלונג אירס דערפֿילט. —
אָ, ס'ערשטע איז! ס'איז חניפֿה — זעאונג מײַן,
ס'טרינקט פֿירשטלעך אויס מײַן גרויסער גײַסט דעם טראַנק,
מײַן אויג ווייס גוט, וואָס מיט זײַן גוסט שטימט אײַן,
צו זײַן געשמאַק אים גרייטן כוס דערלאַנגט.
אויב ס'איז פֿאַרסמט, איז קלענסטע זינד דאָך בלויז,
וואָס אויג מײַנס ליבט עס און פּרואווט ערשטע אויס.

CXIII

Since I left you, mine eye is in my mind;
And that which governs me to go about
Doth part his function and is partly blind,
Seems seeing, but effectually is out;
For it no form delivers to the heart
Of bird, of flower, or shape, which it doth latch:
Of his quick objects hath the mind no part,
Nor his own vision holds what it doth catch;
For if it see the rudest or gentlest sight,
The most sweet favor or deformed'st creature,
The mountain or the sea, the day or night,
The crow or dove, it shapes them to your feature:
  Incapable of more, replete with you,
  My most true mind thus makes mine eye untrue.

CXIV

Or whether doth my mind, being crown'd with you,
Drink up the monarch's plague, this flattery?
Or whether shall I say, mine eye saith true,
And that your love taught it this alchemy,
To make of monsters and things indigest
Such cherubins as your sweet self resemble,
Creating every bad a perfect best,
As fast as objects to his beams assemble?
O, 'tis the first; 'tis flattery in my seeing,
And my great mind most kingly drinks it up:
Mine eye well knows what with his gust is 'greeing,
And to his palate doth prepare the cup:
  If it be poison'd, 'tis the lesser sin
  That mine eye loves it and doth first begin.

115

די שורות לײַגן — וואָס איך האָב געשריבן,
אויך די: דיך טרײַער ליבן כ׳וועל ניט קענען,
ס׳איז מײַן פֿאַרשטאַנד נאָך פֿרעמד געווען די סיבה,
וואָס העלער וועט פֿול פֿלאַם מײַנס שפּעטער ברענען.
צײַטס צופֿאַלס ברעכן אײַן נדרים־ווענט
מיליאָנען מאָל, באַפֿעל פֿון קעניג בײַט,
שוועכט רײנסטע פּראַכט, כוונה שאַרפֿסטע טעמפּט,
מאַכט שטאַרקסטן גײַסט גיין וועג פֿון ענדערקײַט.
אָ, דאַן פֿאַרוואָס, אין שרעק פֿאַר אַכזר־צײַט,
זאָל איך ניט זאָגן: כ׳ליב דיך איצט צום בעסט,
ווען איך געזיכערט אין אומזיכערקײַט,
דעם הײַנט באַקרוין און כ׳צווייפֿל אין דעם רעשט? —
ס׳איז ליבע — קינד; דאָס זאָגן כ׳מעג דען ניט,
צו שטאַרקן וואוקס פֿון דעם, וואָס אַלץ נאָך בליט?

116

ניט לאָז איך זאָל דעם טרײַען גײַסטער־בונד
דערלויבן שטערונג! ליבע איז ניט ליבע
וואָס ענדערט זיך ווען ס׳קומט אַן ענדער־גרונט,
צי בויגט זיך מיט דעם בײַטער, וואָס בײַט איבער: —
אָ, ניין, ס׳איז שטענדיק שטאַרקער צייכן־טורעם,
וואָס קוקט אָן וואַקלעניש אין טיפֿן תהום,
אַ שטערן פֿאַר דער וואַנדער־שיף אין שטורעם,
מען ווייס זײַן ווערט ניט, כאָטש זײַן הויך מען קאָן.
ס׳איז ליבע נישט צײַטס נאַר, כאָטש צו דעם שניט
פֿון סערפּ זיך ציט דאָס רויט פֿון ליפּ און באַק.
מיט קורצער שעה און וואָך די ליבע בײַט זיך ניט,
נאָר זי האַלט אויס ביז צײַטס פֿאַרניכטונג־האַק.
אויב דאָס איז פֿאַלש, און כ׳זינדיק אויך אין דעם,
כ׳שרײַב קיינמאָל ניט, קײַן מענטש געליבט האָט ווען!

CXV

Those lines that I before have writ do lie,
Even those that said I could not love you dearer:
Yet then my judgement knew no reason why
My most full flame should afterwards burn clearer.
But reckoning time, whose million'd accidents
Creep in 'twixt vows and change decrees of kings,
Tan sacred beauty, blunt the sharp'st intents,
Divert strong minds to the course of altering things;
Alas, why, fearing of time's tyranny,
Might I not then say 'Now I love you best,'
When I was certain o'er incertainty,
Crowning the present, doubting of the rest?
  Love is a babe; then might I not say so,
  To give full growth to that which still doth grow?

CXVI

Let me not to the marriage of true minds
Admit impediments. Love is not love
Which alters when it alteration finds,
Or bends with the remover to remove:
O, no! it is an ever-fixed mark
That looks on tempests and is never shaken;
It is the star to every wandering bark,
Whose worth's unknown, although his height
    be taken.
Love's not Time's fool, though rosy lips and cheeks
Within his bending sickle's compass come;
Love alters not with his brief hours and weeks,
But bears it out even to the edge of doom.
  If this be error and upon me proved,
  I never writ, nor no man ever loved.

117

פֿאַרקלאָג מיך: ס׳האָט מײַן קאַרגשאַפֿט אַלץ פֿאַרנומען,
וואָס דיר כ׳בין שולדיק פֿאַר פֿאַרדינסטן גרויס,
פֿאַרגעסן צו דײַן טרייסטער ליבשאַפֿט קומען,
צו וועם געבונדן כ׳בין טאָג אײַן, טאָג אויס.
האָב זיך צו גײַסטער נישטיקע דערנענט,
דײַן אייגן רעכט — געשענקט האָב איך דער צײַט,
צו יעדן ווינט די זעגלען כ׳האָב געווענדט,
וואָס האָבן מיך פֿאַרטראָגן פֿון דיר ווײַט.
פֿאַרשרײַב מײַן האַרטקײַט און מײַן יעדן גרײַז,
אויף אַ גערעכטן גרונט דײַן חשד בוי אויס,
קאָנסט ברענגען נאָנט מיר צו דײַן צאָרן־קרײַז,
נאָר שלאָג מיך ניט, ווען ס׳איז דײַן האַס צעברויזט;
ווײַל אין מײַן טענה כ׳פּרוואו באַווײַזן נאָר,
אַז ס׳איז דײַן ליבשאַפֿט שטענדיק טרײַ און וואָר.

118

ווי צו פֿאַרשאַרפֿן אונדזער אַפּעטיט,
מיט רייץ־געמיש מיר וועקן אונדזער צונג,
ווי פֿון אַ קרענק מיר זוכן זײַן פֿאַרהיט —
מיר מאַכן קראַנק זיך דורך אַ רייניקונג;
אויך איך — מיט זיס דײַנס פֿול, וואָס זעטיקט ניט, —
מאַך פֿאַר מײַן שפּײַז פֿון גיפֿטיקײַט אַ ראַם,
פֿון גליק שוין קראַנק, זוכט דווקא מײַן געמיט
צו קרענקען איידער ס׳איז באַדאַרף פֿאַראַן;
איר וועג האָט ליבע; — זײַן מוזסט אויפֿגעוואַכט
צו שלעכטס נאָך איידער ס׳וואַקסט אויף וואָר די קרענק,
וואָס האָט פֿאַרהיילונג גוטן שטאַנד געבראַכט,
ווען קראַנק דורך גוטס — דאָס שלעכטס רפֿואה ברענגט:
און כ׳לערן אָפּ דערפֿון אָט דעם געדאַנק, —
רפֿואה יענעם סמט וואָס דו מאַכסט קראַנק.

CXVII

Accuse me thus: that I have scanted all
Wherein I should your great deserts repay,
Forgot upon your dearest love to call,
Whereto all bonds do tie me day by day;
That I have frequent been with unknown minds
And given to time your own dear-purchased right;
That I have hoisted sail to all the winds
Which should transport me farthest from your sight.
Book both my wilfulness and errors down
And on just proof surmise accumulate;
Bring me within the level of your frown,
But shoot not at me in your waken'd hate;
  Since my appeal says I did strive to prove
  The constancy and virtue of your love.

CXVIII

Like as, to make our appetites more keen,
With eager compounds we our palate urge,
As, to prevent our maladies unseen,
We sicken to shun sickness when we purge,
Even so, being full of your ne'er-cloying sweetness,
To bitter sauces did I frame my feeding
And, sick of welfare, found a kind of meetness
To be diseased ere that there was true needing.
Thus policy in love, to anticipate
The ills that were not, grew to faults assured
And brought to medicine a healthful state
Which, rank of goodness, would by ill be cured:
  But thence I learn, and find the lesson true,
  Drugs poison him that so fell sick of you.

119

סירענע טרער־גיפֿט איז געווען מײַן טרונק!
געקלאָרט אין קרוג פֿאַרפֿוילט און גיהינומדיק:
פֿון האָפֿן — שרעק, פֿון שרעק — כ׳מאַך האָפֿענונג,
כ׳האָב אַלץ פֿאַרשפּילט, ווען כ׳האָב געמיינט, איך זיג.
וואָס סאַראַ גרײַזן ס׳האָט געמאַכט מײַן האַרץ,
געטראַכט: ס׳האָט גאָר קײַן גליקלעכס ניט געזען!
ווי ס׳האָט מײַן אויג פֿון קרײַז אַרויסגעשטאַרצט,
צעווילדט, און מיט צעמישטקײַט פֿול געווען!
אָ, גוטס דורך בייז! איצט זע איך וואָרהאַפֿטיק,
אַז בעסערס ווערט דורך שלעכטס געמאַכט נאָך בעסער;
צעשטערטע ליבע — אויפֿגעבויט צוריק —
וואַקסט שענער ווי צו ערשט, געשטאַרקט און גרעסער!
נו, כ׳קער צו פֿרייד זיך אום צוריק פֿאַרשעמט
און כ׳קריג דרײַ מאָל דורך שלעכטס, וואָס כ׳האָב
פֿאַרשווענדט!

120

דײַן שלעכטס איינמאָל צו מיר — מיך איצט באַפֿרײַנדט,
און פֿאַר דעם פּײַן, וואָס כ׳האָב געפֿילט דאַן שווער,
כ׳מוז אונטער מײַנע זינד זיך בויגן הײַנט,
כ׳בין דאָך ניט מעש, צי שטאָל געהאַמערטער!
ווען דו וואָלסט פֿון מײַן בייז צערעגט געווען
ווי איך פֿון דײַנס, — וואָלסט דורך אַ גיהינום־צײַט!
איך, אכזר, פּרוואו גאַרנישט אויף וואָג צו זען
פֿיל כ׳האָב געליטן פֿון דײַן שלעכטיקײַט.
אָ, ווען ס׳וואָלט אונדזער נאַכט פֿון לײַד געדענקט
מײַן דורך־לעב טיף, ווי וואָרער טרויער שלאָגט,
און דאַן צו דיר, ווי דו צו מיר געשענקט
פּראָסט זאַלב, וואָס היילונג פֿאַר דער האַרץ־וואונד טראָגט!
נאָר ס׳ווערט אַן אויסקויף דאָס פֿאַרברעכן דײַן:
מײַנס לייזט אויס דײַנס, ס׳מוז דײַנס מײַן אויסלייז זײַן.

CXIX

What potions have I drunk of Siren tears,
Distill'd from limbecks foul as hell within,
Applying fears to hopes and hopes to fears,
Still losing when I saw myself to win!
What wretched errors hath my heart committed,
Whilst it hath thought itself so blessed never!
How have mine eyes out of their spheres been fitted
In the distraction of this madding fever!
O benefit of ill! now I find true
That better is by evil still made better;
And ruin'd love, when it is built anew,
Grows fairer than at first, more strong, far greater.
  So I return rebuked to my content
  And gain by ill thrice more than I have spent.

CXX

That you were once unkind befriends me now,
And for that sorrow which I then did feel
Needs must I under my transgression bow,
Unless my nerves were brass or hammer'd steel.
For if you were by my unkindness shaken
As I by yours, you've pass'd a hell of time,
And I, a tyrant, have no leisure taken
To weigh how once I suffer'd in your crime.
O, that our night of woe might have remember'd
My deepest sense, how hard true sorrow hits,
And soon to you, as you to me, then tender'd
The humble salve which wounded bosoms fits!
  But that your trespass now becomes a fee;
  Mine ransoms yours, and yours must ransom me.

121

ס׳איז בעסער שלעכט זײַן ווי זײַן שלעכט־באַרימט,
ווען דעם נישט־זײַן דעם נאָמען זײַן מען גיט,
פֿרייד ווערט צעשטערט, וואָס בלויז אַזוי באַשטימט
האָט יענעמס בליק, נישט אייגענער געמיט.
דאָס פֿאַלשע גלוסטונג־אויג, פֿאַרוואָס זאָל מיר
באַגריסונג וואַרפֿן צו מײַן שפּיליק בלוט?
וואָס היט מײַן שוואַכקײַט שוואַכער שפּיאָן־געשפּיר,
וואָס האַלט פֿאַר שלעכט דאָך דאָס וואָס איך האַלט גוט?
ניין, וואָס איך בין, איך בין, און דער וואָס שפּיזט
בלויז אויף מײַן שלעכטס, פֿון אייגן שלעכטסקײַט דענקט;
איך קאָן זײַן גלײַך, כאָטש קרום בײַ זיי גאָר איז,
דורך זייער בייז געדאַנק מײַן טאָט נישט ברענג;
צי זיי דער שלעכטסקײַט גיבן ברייט באַדײַט, —
דער מענטש איז שלעכט און הערשט אין שלעכטיקײַט.

122

דײַן חשבון־בוך געשאַנק כ׳טראָג אין געדאַנק,
פֿול מיט זכרונות פֿאַר דער לענגסטער צײַט,
און מער ווי פּוסטע ציר פֿאַרבלײַבט ער לאַנג
ביז שפּעטסטע טעג, אַפֿילו אייביקײַט;
כל זמן עס וועלן שעפּן האַרץ און קאָפּ
בײַ דער נאַטור די כוחות אויסצושטיין,
ביז יעדער גיט דער שטויב־פֿאַרגעסונג אָפּ
זײַן טייל פֿון דיר, וועט שפּור דײַנס ניט פֿאַרגיין.
ס׳האַלט שוואַכער אײַנהאַלטער נישט אײַן אַלצדינג,
פֿאַרצייכענען דײַן ליבע דאַרף איך נישט,
דערפֿאַר דאָס בוך כ׳האָב אָפּגעגעבן גרינג,
צו גלויבן יענע שריפֿט, וואו מער דו ביסט.
צו האַלטן העלפֿערס אויף געדענקען דיר
איז ווי פֿאַרגעסונג כ׳ברענג אַרײַן אין מיר.

CXXI

'Tis better to be vile than vile esteem'd,
When not to be receives reproach of being,
And the just pleasure lost which is so deem'd
Not by our feeling but by others' seeing:
For why should others' false adulterate eyes
Give salutation to my sportive blood?
Or on my frailties why are frailer spies,
Which in their wills count bad what I think good?
No, I am that I am, and they that level
At my abuses reckon up their own:
I may be straight, though they themselves be bevel;
By their rank thoughts my deeds must not be shown;
  Unless this general evil they maintain,
  All men are bad, and in their badness reign.

CXXII

Thy gift, thy tables, are within my brain
Full character'd with lasting memory,
Which shall above that idle rank remain
Beyond all date, even to eternity;
Or at the least, so long as brain and heart
Have faculty by nature to subsist;
Till each to razed oblivion yield his part
Of thee, thy record never can be miss'd.
That poor retention could not so much hold,
Nor need I tallies thy dear love to score;
Therefore to give them from me was I bold,
To trust those tables that receive thee more:
  To keep an adjunct to remember thee
  Were to import forgetfulness in me.

123

ניין, צײַט, באַרים זיך נישט אַז איך זיך בײַט:
דײַן פּיראַמיד־געבוי מיט פרישער מאַכט —
דאָס אַלץ איז דאָך פאַר מיר קײַן נײַאיקײַט,
ס'איז נאָר באַפּוץ פון פריערדיקער פּראַכט!
מיר לעבן קורץ, באַאשטוינען מיר דערפאַר
דאָס אַלט, וואָס דו באַצווינגסט אויף אונדז מיט צוואַנג,
מיר איבערשאַפן זיי לויט אונדזער גאַר,
שטאָט טראַכטן: ס'קלינגט אונדז ווי געהערט פון לאַנג.
מיט דיר און דײַן אַרכיוו — מיטביידן כ'קריג,
ס'לאָזט הײַנט און נעכטן מיך אָן וואונדער שטיין,
ווײַל ס'לײַגט דײַן עבר, און וואָס ס'זעט דער בליק,
אין אײַל ווי שטענדיק — ווערק דײַנס גרויס צי קליין.
אַזוי ווען תמיד זײַן, באַשווער איך מיר,
כ'וועל טרײַ זײַן טראָץ דײַן קאָסע און טראָץ דיר.

124

וואָלט זײַן מײַן ליבע בלויז אַ קינד פון פּראַכט,
גליקס ממזר, אומבאַפאָטערט, וואָלט זי קומען,
אַ קנעכט זײַן צו צײַטס ליבע און פאַראַכט,
מיט ווילד־גראָז — ווילד־גראָז, בלום געפליקט מיט בלומען.
ניין, אויפגעבויט זי איז דאָך ווײַט פון טראַף,
אָן לײַד פון שמייכל־פּאָמפּ און פאַלט נישט אונטער
די קלעפּ פון אומצופרידנקײַט פאַרשקלאַפט,
צו וואָס די צײַט איצט אונדזער מאָדע מונטערט:
איר שרעקט ניט אַפּיקורסות אייגן־נוץ
וואָס נוצט די רעכט וואָס קורצע שעה פאַרבינדט,
נאָר איין־אַליין שטייט אין איר קלוגשאַפט־שוץ,
דורך היץ נישט וואַקסט, נישט רעגן איר דערטרינקט.
כ'רוף צײַטס נאַראָנים — עדות פאַר מײַן רעכט,
פאַר גוטס וואָס שטאַרבן נאָר געלעבט פאַר שלעכטס.

CXXIII

No, Time, thou shalt not boast that I do change:
Thy pyramids built up with newer might
To me are nothing novel, nothing strange;
They are but dressings of a former sight.
Our dates are brief, and therefore we admire
What thou dost foist upon us that is old,
And rather make them born to our desire
Than think that we before have heard them told.
Thy registers and thee I both defy,
Not wondering at the present nor the past,
For thy records and what we see doth lie,
Made more or less by thy continual haste.
  This I do vow and this shall ever be;
  I will be true, despite thy scythe and thee.

CXXIV

If my dear love were but the child of state,
It might for Fortune's bastard be unfather'd,
As subject to Time's love or to Time's hate,
Weeds among weeds, or flowers with flowers
    gather'd.
No, it was builded far from accident;
It suffers not in smiling pomp, nor falls
Under the blow of thralled discontent,
Whereto the inviting time our fashion calls:
It fears not policy, that heretic,
Which works on leases of short-number'd hours,
But all alone stands hugely politic,
That it nor grows with heat nor drowns with showers.
  To this I witness call the fools of time,
  Which die for goodness, who have lived for crime.

125

צי זיך אַליין מיט באַלדאַכין כ׳באַדעק,
מײַן דרויסיקײַט מיט אויסערליכס כ׳באַער,
צי כ׳לייג פֿאַר אייביקײַט יסוד אַוועק,
מיט דויער — קירצער נאָך פֿון בײז־צעשטער ?
צי כ׳זע נישט, די, אין גוטס און סטיל באַצירט,
פֿאַרלירן אַלץ און מער דורך הויכן קאָסט ?
געמישטער זיס — טעם פּשוטן פֿאַרלירט,
פֿאַרלעבערס נעבעך אין דעם שווענד צעלאָזט ?
ניין, לאָז הכנעהיק מיר אין האַרץ דײַנס זײַן,
מײַן קרבן פֿרײַ, כאָטש אָרעם, נעם פֿון מיר,
אָן מיש פֿון פּסולת, און אָן קונסט־געשײַן
חוץ געבונג שותּפֿותשער, בלויז מיר פֿאַר דיר.
איז מסור פֿאַלשער דו ; אַ זעל געטרײַ
ווען מער געבראַנדט, איז פֿון דײַן מאַכט מער פֿרײַ.

126

אָ, ליבער יונג, וואָס מאַכטיק האַלטסט אין האַנט
צײַטס קאָסע־שעה, קאַפּריזן־גלאָז מיט זאַמד ;
דו בליסט דורך וועלק און דײַנע פֿרײַנט דו גיסט
צו זען, אַז ווען זיי וועלקן, דו — מער בליסט.
נאַטור, וואָס אין איר מאַכט צעשטערונג ליגט —
ווען אין פֿאָראויס דײַנס שלעפּן דיך צוריק,
זי האַלט דיך צו באַווײַזן אַז זי קען
פֿאַרשעמען צײַט, מינוטן האַרגענען.
דאָך ליבלינג פֿון איר פֿרייד, פֿאַר איר זיך היט !
פֿאַרהאַלטן אוצר קען זי, האַלטן — ניט ;
מוזסט חוב איר צאָלן, כאָטש פֿאַרציענדיק,
איר חוב־צאָל איז : דיך אומצוקערן קריק.

CXXV

Were't aught to me I bore the canopy,
With my extern the outword honoring,
Or laid great bases for eternity,
Whch prove more short than waste or ruining?
Have I not seen dwellers on form and favor
Lose all, and more, by paying too much rent,
For compound sweet forgoing simple savor,
Pitiful thrivers, in their gazing spent?
No, let me be obsequious in thy heart,
And take thou my oblation, poor but free,
Which is not mix'd with seconds, knows no art,
But mutual render, only me for thee.
  Hence, thou suborn'd informer! a true soul
  When most impeach'd stands least in thy control.

CXXVI

O thou, my lovely boy, who in thy power
Dost hold Time's fickle glass, his sickle, hour;
Who hast by waning grown, and therein show'st
Thy lovers withering as thy sweet self grow'st;
If Nature, sovereign mistress over wrack,
As thou goest onwards, still will pluck thee back,
She keeps thee to this purpose, that her skill
May time disgrace and wretched minutes kill.
Yet fear her, O thou minion of her pleasure!
She may detain, but not still keep, her treasure:
  Her audit, though delay'd, answer'd must be,
  And her quietus is to render thee.

127

אין אַלטער צײַט איז שוואַרץ געווען ניט שיין,
אויב יאָ, ס׳האָט שיינקײַטס נאָמען ניט פֿאַרמאָגט;
איצט זעט מען שוואַרץ פֿאַר שיינקײַטס יורש גיין,
און שיינקײַט הײַנט — דעם ממזרס חרפּה טראָגט.
זינט יעדער די נאַטור־מאַכט נעמט אַליין,
מאַכט שיין דאָס גראָב דורך קונסט־באָרג פֿאַלש געשטאַלט,—
זיס־שיינקײַט — נאָמען פֿעלט און הייליק היים,
געבראַנדט זי ווערט, אויב ניט פֿון שאַנד זי פֿאַלט.
דערפֿאַר מײַן האַרינס אויגן — שוואַרץ ווי ראָב,
אבלים־אויגן ווײנען אויף ניט שיין
געבאָרענע וואָס ניט אָן שיינקײַט־האָב,
מיט פֿעלשונג שענדנדיק באַשאַף אַלײַן.
זיי טרויערן, זיי קליידט אַזוי דער פּײַן,
ס׳זאָגט יעדע צונג: אַזוי מוז שיינקײַט זײַן.

128

ווי אָפּט, מוזיק מײַנס, ווען מוזיק דו שפּילסט
אויף דעם געבענטשן האָלץ, וואו ס׳קלינגט דײַן טאָן
דורך זיסע פֿינגער, ווען מיט צאַרטקײַט צילסט
דעם סטרונע־קלונג, וואָס מײַן געהער רוישט אָן, —
מקנא כ׳בין קלאַווישן, ווען צעזשומט
זיי שפּרינגען קושן צאַרטע דלאָניע דיר;
די ליפּן מײַנע — זיי גליק רײַפֿער קומט —
רויט שטייען פֿאַר האָלצס פֿרעכקײַט פֿול מיט גיר
אַזוי צעשפּילט צו זײַן; מיט גלי־פֿאַרלאַנג
צו בײַטן זיך מיט טאַנץ פֿון שפּענדל־גליק
וואו דײַנע פֿינגער שפּאַנען צאַרטן גאַנג —
טויט האָלץ קריגט מער ווי ליפּן לעבעדיק.
אויב די קלאַווישן פֿרעכע איז דאָס ליב,
גיב פֿינגער זיי, מיר — מויל צו קושן גיב.

CXXVII

In the old age black was not counted fair,
Or if it were, it bore not beauty's name;
But now is black beauty's successive heir,
And beauty slander'd with a bastard shame:
For since each hand hath put on nature's power,
Fairing the foul with art's false borrow'd face,
Sweet beauty hath no name, no holy bower,
But is profaned, if not lives in disgrace.
Therefore my mistress' brows are raven black,
Her eyes so suited, and they mourners seem
At such who, not born fair, no beauty lack,
Slandering creation with a false esteem:
  Yet so they mourn, becoming of their woe,
  That every tongue says beauty should look so.

CXXVIII

How oft, when thou, my music, music play'st,
Upon that blessed wood whose motion sounds
With thy sweet fingers, when thou gently sway'st
The wiry concord that mine ear confounds,
Do I envy those jacks that nimble leap
To kiss the tender inward of thy hand,
Whilst my poor lips, which should that harvest reap,
At the wood's boldness by thee blushing stand!
To be so tickled, they would change their state
And situation with those dancing chips,
O'er whom thy fingers walk with gentle gait,
Making dead wood more blest than living lips.
  Since saucy jacks so happy are in this,
  Give them thy fingers, me thy lips to kiss.

129

פֿאַרשווענד פֿון גײַסט, אין שווענדונג־שאַנד פֿאַרניצט,
איז לוסט אין טאַט. ביז טאַט, איז פֿעלשונג בלויז
די לוסט — פֿול שולד, רציחיש, בלוט־באַשפּריצט,
עקסטרעם, אָן צוטרוי, גראָב, בייז־ווילדער ברויז.
גלײַך בײַם געניס — פֿאַראַכטונג זיך באַווײַזט;
אָן זין געגאַרט, און ווי דעם גאַר געשטילט, —
אָן זין פֿאַרהאַסט, ווי שלונג פֿון פֿאַסטקע־שפּײַז
מיט ציל פֿאַרגרייט, ס׳זאָל שלינגער מאַכן ווילד;
בײַם גאַרן — ווילד, אויך דעמאָלט ווען מען קריגט;
געהאַט, אין האָב, אין זוך — אַלץ ווילד גערעג;
פֿרייד בײַם פֿאַרזוך, פֿאַרזוכט שוין — ווײ־געדריקט,
צו ערשט ווינקט פֿרייד, דערנאָך — ווי טרוים אַוועק.
וועלט ווייס דאָס אַלץ; דאָך מײַדן קאָן מען ניט
דעם הימל וואָס צו דעם גיהינום ציט.

130

גאָר נישט ווי זון מײַן ליבסטערס אויגן שײַנען,
קאָראַל — מער רויטקײַט פֿון איר ליפּ־רויט האָט,
אויב שניי איז ווײַס, ברוין אירע בריסטן זײַנען;
אויב האָר קאָן דראָט זײַן, וואַקסט איר לאָק שוואַרץ דראָט.
כ׳האָב רויזן ווײַס, העל־ראָז און רויט געוואוסט,
נאָר אויף איר באַק איך זע נישט אַזאַ רויז;
פֿאַראַנען דופֿטן מיט פֿיל מערער גלוסט
ווי אָטעם וואָס מײַן ליבסטע הויכט אַרויס.
כ׳ליב הערן ריידן זי, נאָר כ׳ווייס אַליין
אַז אין מוזיק אַ שענער קלאַנג זיך הערט,
כ׳גיב צו, כ׳האָב ניט געזען קיין געטין גיין,
מײַן ליבסטע, ווען זי גייט טרעט אויף דער ערד.
